מיר װעלן זײ ניט פֿאַרגעסן

יזכּור - שריפֿט

צום 20סטן יאָרצײַט פֿון דער ליקװידאַציע
פֿון װילנער געטאָ

דעם 23סטן סעפּטעמבער, 1943 — 23סטן סעפּטעמבער, 1963

אַרױסגעגעבן פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון װילנער און אומגעגנט
אין מאָנטרעאָל

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14335

MIR VELN ZEY NIT FARGESN

Permanent preservation of this book was made possible
by Ruthe and Heinz Eppler
In memory of Anna and Aaron Bergson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מיר פארגעסן ניט

יזכור - שריפט צום 20סטן יארצייט פון דער ליקווידאציע פון ווילנער געטא

ארויסגעגעבן פון דעם פארבאנד פון ווילנער און אומגעגנט

מאנטרעאל, סעפטעמבער 1963

אינהאלט

20 יאר נאכן חורבן ירושלים דליטא	י.גראסמאן	זייט 1
אין סטאט - סול.א קאפיטל פון א פאעמע	חיים גראדע	4
סטראשון-גאס 12 אין ווילנער געטא	סימא דאוואנג	7
מיינע באגעגעניש אין יענע טעג...	שלמה פינסקער	9 א
די ליקווידאציע פון ווילנער געטא	מרים באדאנעס	10
מערדערס פון נאענטן געזען/ווי אזוי מיר האבן ארעסטירט מארטין ווייסן/	יוסף רידוואס	14
ביים וועג וואס פירט קיין פאנאר...	איידזיק מיידענבוים	16
מיר האבן איבערגעלעבט...	גיטל סמאלניק	17
דער אומקום פון די יידן אין פארעסט	גיטל סמאלניק	18
ס'הענגט אלע טאג.........ליד	פרץ מיראנסקי	19
די קינדערהיים אין ווילנער געטא	ליבע אוגענפעלד	20
מיין מאמע ווייגט צו מיר. ליד	יצחק ברעגמאן	23
סול-יום טובים אין געטא	סימא דאוואנג	24
די לעצטע נאכט צוזאמען מיט זיי...	סימא דאוואנג	25
דער מארש דורך די קאנאלן	פסח גאלדבערג	26
מיינע איבערלעבונגען אין קייליס בלאק 2	ספרה יאבלאן	28
א באשיידענער געזאנג צו ווילנע. ליד	שלום ליטאגורסקי	30
טויזנטער יידן האבן דערטרונקען אין באלטישן ים	משה ראטשילד	31
אויף פאנאר צווישן קליאנען בליען... פאעמע	אלחנן וואגלער	34
יידן אין די לאגערן: 1.פסיכאלאגישע באטראכטונג	פעליקס דאוואנג	35
2. אלטער	פעליקס דאוואנג	37
פון אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן	אברהם טראפונסקי	39
אונדזער יזכור-פארזאמלונג	אברהם טראפונסקי	40
זאג ניט קיין מאל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג.	הירש גליק	

רעדאקציע:

י.גראסמאן, ס.דאוואנג, פ.דאוואנג.

20 יאר פון חורבן ירושלים דליטא

מיר זיינען געוואוינט צו זאגן:דעם און דעם טאג האב איך יארצייט נאך מיין מוטער,נאך מיין פאטער,אדער נאך אן אנדער משפחה-מיטגליד.איצט אבער האבן מיר יארצייט נאך אונדזערע משפחות,אויך נאך א גאנצער עדה ידן,נאך א שטאט מיט ידן.יא,אזוי איז דאס.

דעם 23 סטן סעפטעמבער 1943 איז פארגעקומען די ליקווידאציע פון ווילנער געטא. די טויזנטער מענער,פרויען און קינדער וואס זיינען לעבן געבליבן נאך די מאסן-רציחות אויף פאנאר,אין לוקישקער תפיסה אין הארבסט פון 1941;די וואס האבן איבערגעלעבט אלע עינוים פון גירוש פון איין געטא אין א צווייטער; די ביי וועמען עס איז נאך געבליבן א פונק פון לעבנס-קראפט נאך די מגפות, פיין און הונגער במשך פון די איבער צוויי יאר פון דער נאצי-הערשאפט אין ווילנע ——די אלע איבערגעבליבענע האבן די דייטשן און זייערע מיטהעלפערס— די אוקראינער און די ליטווינער—אין א הארבסטטאג צונויפגעטריבן אויף ראסע און סעגרעגירט אויף רעכטס-צו די קאנצענטראציע-און טויטן-לאגערן,און לינקס-צום טויט אין די קרעמאטאריעס און אויף פאנאר.

די,וועמען מ׳האט מיט שטעקנס און מיט ביקסן-קאלבעס געטריבן אויף רעכטס זיינען פארשיקט געווארן אין דעם שוידערלעכן לאגער קלאגא,אין עסטלאנד,און אין אנדערע לאגערן,וואו כמעט אלע זיינען אויסגעשטארבן אדער דערהרגעט געווארן מיט כל המיתות משונות.

פון דעם גאנצן ווילנער קהל,וועלכער האט ביז דעם אומגליקלעכן טאג פון 23 סטן יוני 1941 געציילט לערך 80 טויזנט ידישע נפשות,איז פארבליבן א קליין הייפל,וואס איז צעזייט און צעשפרייט איבער גאר דער וועלט.

אין דעם גרויסן אומגליק וואס האט געטראפן אונדזער פאלק אין די לעצטע 20 יאר זיינען מיר אזוי פארטעמפט געווארן,אז מיר זיינען אבסאלוט ניט ביכולת אפצוגעבן זיך א דין וחשבון פון צאלן און ציפערן.ביי יעדער געלעגנהייט גיט מען זיך א זאג: זעקס מיליאן ידן זיינען אומגעקומען.בארעכנט נאר : 80 אזעלכע שטעט ווי ווילנע מיט ידישע לעבנס זיינען פארשניטן געווארן!

אין דעם טאג פון יארצייט נאך א נאענטן און טייערן מענטשן דערמאנט מען זיך אן דעם פארשטארבענעם.מ׳באמיט זיך אויפצוברענגען אויפן זיכרון זיין געשטאלט,מ׳ שאצט אפ זיין כאראקטער,זיינע מעשים.מ׳ פילט געוויינלעך שארפער און פיינלעכער ווי אלע טעג פון א גאנץ יאר וואס מען האט אין דעם נפטר פארלארן.בנוגע א קהילה,א קאלעקטיוו ,א גאנצער שטאט איז אויך אזוי :

עס קומען אויפן זיכרון הונדערטער בילדער פון מענטשן,גאסן און געסלעך.פארזאמלונגען,קאנפערענצן,דעמאנסטראציעס און שול-פייערונגען.דו זעסט פאר זיך דעם כלל און דעם פרט, עס בליצן אויף זיכרונות וועגן שארפע,אויסגעשפראכענע פערזענלעכקייטן און פשוטע ארבעטס-מענטשן;שעפערס און בויערס פון באוועגונגען און אינסטיטוציעס,און וואונדערלעכע ידישע קינדער.

די שטאט האט געזשוויבלט מיט ידישער ארבעט און שעפערישקייט.
וואס איז שייך פרנסה איז די לאגע געווען ניט גאנץ געהויבן.דער אלגעמיינער לעבנס-סטאנדארט איז אין ווילנע געווען נידעריקער ווי ,א זשעטיגער, אין ווארשע אדער אין לאדזש .ווילנע איז קיין מאל ניט געווען קיין רייכע שטאט. קיין גרויס-אינדוסטריע איז דארטן ניט געווען. אמאל,פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה,איז ווילנע געווען דער טראנזיט-פונקט פון מסחר צווישן די פוילישע גובערניעס מיט גרויס-רוסלאנד.
מיט דער אנטשטייאונג פון דער פוילישער מלוכה אין 1918 זיינען די

טויערן פון דער רוסישער מדינה פאר ווילנע געשלאסן געווארן. די מעגלעכקייט פון האנדל און אינדוסטריעלער עקספאנסיע זיינען רעדוצירט געווארן ביז א מינימום. ווילנע איז געווארן איינע פון א סך פראווינציעלע שטעט פון פוילן, וואס איז פאראַרעמט געווארן פון מלחמה און פארוויסטונג.

יידן האבן געלעבט פון ארבעט אין דער קליין-אינדוסטריע, פון מלאכה און האנדל. דער פוילישער מיטלקלאס האט מיט גרויס גיריקייט זיך א יאג געטאן ארויסצושטויסן די יידן פון זייערע עקאנאמישע פאזיציעס. די פוילישע הערשאפט איז פאר די יידן לחלוטן ניי און פיינדלעך. די קולטור אין דעם נייאויפגעקומענעם פוילן (ווי אין די אנדערע נייע קליינע מלוכות אין אייראפע נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה) איז געווען שטארק נאציאנאליסטיש, און אין גאנצן פרעמד דער יידישער באפעלקערונג.

דער שטארקער עקאנאמישער דרוק, די בולט אנטיסעמיטישע פאליטיק פון דער פוילישער רעגירונג, די פרעמדקייט פון דער פוילישער קולטור, ווי אויך אנדערע סיבות, וואס ניט דא איז דאס ארט זיי אויסצורעכענען, האבן גורם געווען, אז די ווילנער יידן האבן זיך איינגעשלאסן אין זיך, און האבן געשאפן דעם ווילנער נוסח פון דעם נייעם שניט.

א מקום תורה איז ווילנע פון שטענדיק אן געווען. די טראדיציע פון דעם ווילנער גאון (געשטארבן אין 1797) האט געפונען איר המשך אין די ישיבות און אין די קלויזן, וואו יונגע לייט זיינען געזעסן יומם ולילה און געלערנט תורה. די השכלה-באוועגונג און די נייע העברעאישע ליטעראטור האבן אין ווילנע געהאט זייערע גלענצנדיקע פארשטייערס. דאס בארימטע ווערק "תעודה בישראל" פון יצחק בער לעווינזאן, וואס האט סיגנאליזירט דעם אנהויב פון דער השכלה אין רוסלאנד, איז צום ערשטן מאל געדרוקט געווארן אין ווילנע אין 1828.
מרדכי אהרן גינצבורג און אד"ם הכהן לעבענזאן האבן געלעבט און געשאפן אין ווילנע. דער בארימטער היסטאריקער פון ווילנע שמואל יוסף פין (מחבר פון "קריה נאמנה" — א מאנאגראפיע פון דער שטאט), מתתיהו סטראשון, דער גרינדער פון דער וועלט-בארימטער ביבליאטעק אויף זיין נאמען, דער באדייטנדיקער ביבליאגראף יצחק בן יעקב, דער שרייבער פון היסטארישע ראמאנען קלמן שולמאן, דער לירישער פאעט מיכה יוסף לעבענזאן, און דער דיכטער יהודה לייב גארדאן (יל"ג) —— דאס זיינען געווען מענטשן, וואס האבן געהאט גאר א גרויסע השפעה אויף דער אויסגעשטאלטונג פון דער יידישער קולטור-באוועגונג אין גאנץ מזרח-אייראפע אין דעם פארגאנגענעם יארהונדערט.

די יידישע סאציאליסטישע באוועגונג איז געגרינדעט געווארן אין דער דאזיקער שטאט. אין 1897 איז אין ווילנע געשאפן געווארן דער "בונד", וואס האט ווי א דערפרישנדיקע כוואליע זיך צעטראגן אין אלע ווינקעלעך פון יידישן תחום אין רוסלאנד, ליטע און פוילן.

דער ציוניזם אין אלע זיינע שאטירונגען און ריכטונגען האט געפונען א ברייטן אפקלאנג ביי די ווילנער יידן. די צענטראל-קאמיטעטן פון די ציוניסטיש סאציאליסטישע פארטייען, זייערע צייטונגען האבן א ריי יארן געהאט זייערע צענטערס אין ווילנע.

אין די יארן צווישן ביידע וועלט-מלחמות, ווען עס איז פארגעקומען דער וואונדערלעכער אויפשטייג פון דער נייער יידישער קולטור אין איר פילפארביקער שעפערישקייט, איז ווילנע געווען אין פאדערגרונט פון יידישן גייסטיקן שאפן אין גאנץ פוילן.
עס אנטשטייען יידישע און העברעאישע עלעמענטאר-שולן, גימנאזיעס מיט א פולן קורס פון יידישע און אלגעמיינע לימודים, וואס האט בארעכטיקט די

גראדואנטן פון די מיטלשולן אנצוקומען אין די פוילישע מלוכה-אוניווערסיטעטן, יידישע און העברעאישע לערער-סעמינארן, א העכערע טעכנישע שול(טעכניקום ביים "ארט", א יידישע מוזיקשול(יידישער מוזיקאלישער אינסטיטוט), פראפעסיאנעלע און האנטווערקער -שולן.

עס ווערט געשאפן דער ערשטער יידישער קינסטלערישער טעאטער(די ווילנער טרופע). די ליטעראַרישע גרופע "יונג ווילנע" האט אריינגעטריבן א פרעכטיק בלאט אין אונדזער נייער יידישער ליטעראטור.

אין ווילנע זיינען געווען די צענטראלעס פון די יידישע און העברעאישע שולן(צ.ב.ק.-צענטראלער בילדונגס-קאמיטעט—און תרבות;די קולטור-ארגאניזאציע פאר דערוואקסענע-ווילביג-מיט איר פרעכטיקן כאר, און דער צענטער פון דער יידישער וויסנשאפטלעכער פארזונג, דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט-ייוו"א. פראפעסיאנעלע פאראיינען, ווירטשאפטלעכע ארגאניזאציעס, א יידישע פרעסע און פארלאג-געזעלשאפטן.

עס איז געווען א פול יידיש לעבן, אן אייגנארטיקער שטייגער-און קולטור-טראדיציע. אזא סביבה האט געקענט ארויסגעבן נייע, גאנצע יידן. פערזענלעכקייטן, וואס דאס כלל-לעבן האט אויף זיי ארויפגעלייגט זייך חותם, און זיי האבן ווירדיק פערזאניפיצירט דאס כלל-לעבן אין זייך גאנצער פארזיידנקייט.

דאס אלץ איז ארויסגעריסן געווארן מיטן ווארצל מיט דעם אנקומען פון די רוצחישע נאציס אין יוני 1941!

עס איז ממש אומגלויבלעך, אבער דאך א פאקט:
אין די פינצטערע יארן פון דער נאצישער סאדיסטישער ממשלה איז ניט אויסגעלאשן געווארן דאס ליכט פון דער דורותדיקער ווילנער יידישער קולטור-טראדיציע!

אין יענע טעג פון מארד, טעראר און הונגער האבן אין געטא עקסיסטירט יידישע און העברעאישע שולן, א גימנאזיע, ישיבות, א געטא-אוניווערסיטעט. עס זיינען פארגעקומען ליטעראַרישע אוונטן, לעקציעס, טעאטער-פארשטעלונגען; פאטעטיש- טראגישע פייערלעכקייטן, הזכרות, שול-קאנצערטן און גראדואיר-יום טובים. עס האט פונקציאנירט א ביבליאטעק. שרייבערס און לערערס האבן מיט מסירת נפש געראטעוועט, פארגראבן אין דער ערד ווערטפולע ביכער און מאנוסקריפטן. מען האט ארויסגעגעבן פרעמיעס די פאעטן פון געטא. א סימפאנישער ארקעסטער האט געגעבן קאנצערטן. קינסטלערס האבן איינגעארדנט אויסשטעלונגען פון זייערע ווערק.

טראגיש און הייליק איז געווען דאס מארטירער-לעבן פון די יידן אין ווילנער געטא !

צום 20 סטן יארצייט נאך דער יידישער ווילנע בויגן מיר די קעפ אין טיפן טרויער און מיט אויפריכטיקן יראת הכבוד צום אנדענק פון די קדושים, מארטירערס און העלדן !

מיר וועלן זיי קיינמאל ניט פארגעסן .

יעקב גראסמאן

::

חיים גראדע

אין שטאט-שול

/ א קאפיטל פון א פאעמע /

אין שטאט-שול אויפן מארמארנעם באלעמער
יושקעוויטש שטייט, דער ווילנער שטאט-שטאראסטע.
די זון פארגייט און אין די ווינקלען דעמערט,
ביז ס'ווערן אויך די קראטעס די פארראסטע
אין וואנט פון ווייבער-שול ——א גאלד-געפלעכט,
ווי ס'וואלט א כלה רייך זיך אויסגעשטיערט,
נאר פון די אויגן ווייַנען שווארצע נעכט.
די מעשענע געלענדערס ביי די טרעפ
אין טונקל שימערן מיט קאלטן פייער,
און אויפן ארון קודש ——לייבן-קעפ
פארגליווערט איינער אויפן צווייטן קוקן
מיט שווארצאפלען ווי סקיעות וואס פארגליען ;
דער אדלער קען ניט מער זיין רויב פארצוקן
און קען ניט פון זיין ארט ארונטערפליען.
דער הירש וויל דורכהאקן מיט זיינע הערנער
דעם שול-געוועלב, נאר דער סופיט צו הויך איז
און ס'פיקט ניט מער די ווייסע טויב ווי קערנער
די אותיות פון דעם גאלדענעם פרוכת.
פארשטומט, פאריתומט הענגען די כלי זמר
פון מלך דוד, פידל, פויק און פלייט,
די זון פארגייט און אין די ווינקלען דעמערט –
אין אלטער ווילנער שול די זון פארגייט.

און אנגעווארפן זייַנען אויפן טיש
פרוכתן קאלירטע גאנצע שטויסן,
זיי מיניען זיך אין פארביקן געמיש
פון זונפארגאנג וואס שלאגט אריין פון דרויסן.
דערשטוינט איז פאן יושקעוויטש און ער טאפט
די שטאפן, ווי פון שטראלן אויסגעוועבטע,
די אותיות, דין פון זילבער אויסגעקלאפט.

צעפינקלען זיך ווי אויגן אויפגעלעבטע.
און ס'טוט אויף אים א טיין די אלטע פראכט
פון טונקל-בלויען סאמעט דעם צעשטראלטן :
ס' אמת,טראכט ער, א געהיימע מאכט
ליגט אין די אלטע געטא- ווענט באהאלטן.

ס' צעגלעקלט זיך א ספר - תורה -קרוין,
ארומגעזעצט די קרוין איז מיט טאפאזן :
" פארצייטנס האט דער טענטטער מאנספארטוין,
דער ווילנער באלעבעסל,אונדזער חזן,
וואס איז געווען א זינגער פון גן -עדן,
געטראגן אט די תורה פארן עולם " -
דערוועגט זיך מאיר דן דער שמש ריידן
צום גאסט און קוקט הכנעהדיק אין מויל אים.
דער שמש פרואווט אין זיין מחשבה טרעפן,
צי ווייס דער גוי פון ווילנער באלעבעסל,
און ווי עס האט זיך איינגעליבט א גרעפין
אין אים ,דעם זינגער פון אן ארעם געסל.
דערציילט די וועלט אז פון פארווערטער ליבע
געווארן איז דער חזן מעלאנכאליש,
און אויסגעגאנגען ווי א ליכט אין פאליש,
און זי, די גרעפין , איז געווען די סיבה.
נאר גארניט ווייס,זעט אויס ,דער קאלטער טררה
פון דעם געפאלענעם גן -עדן - זינגער,
דער גוי רירט אן די מענטעלעך די קלארע
און כאפט אוועק די אפגעבריטע פינגער.

" דאס גאלד" - דערציילט דער שמש דעם סטאראסטע,
וואס קוקט אויף אים א זייטיקער, א פרעמדער —
" געשאנקען האבן רייכע באלעבאסטעס,
און ס'האבן ווייבער ארעמע און פראסטע
געגעבן שטאף אויף ספרי -תורה העמדער"!
דער שמש ווייזט אים גרינע בשמים -ביקסן
און זילבער - י ד ן גלייך ווי הענט פארקראמפטע,
אלץ גלימצערס ,ברענט 'ווי הארבסטיקע געוויקסן,
און ווי אין פרילינג-טויען אויסגעדאמפטע.

דער מנהיג פון דער יידישער קהילה,
דער אלטער ווילנער דאקטער יעקב עמדען,
רעדט ביטער-שארף און חוצפהדיק אפילו
צום טאן דעם שטייף-פארקנעפלטן און פרעמדן:
"די יידישע געמיינדע דא אין שטאט
איז אלט יארהונדערטער,און די פאליאקן
אונדז וועלן ניט פארטרייבן דורך באיקאט,
איר וועט אונדז ניט דעם קאפ ארונטערהאקן!"
טוט קאלטבלוטיק א לאך דער שטייפער פאן:
"די שול איז גרויס,נאר זעט אויס ווי א קעלער,
און ס'ליגט דא פינצטערניש אויף יעדן שפאן,
ווען ס'לויכט אין דרויסן נאך דער טאג דער העלער."

גיט דאקטאר עמדען , דער קהילה-פרנס
א וואונק צום שמש,און גאר אומגעריכט
צעלויפן פאסן שיין זיך ווי די סארנעס,
די גרויסע שול פארגאסן ווערט מיט ליכט.
אין שטראלן-נעצן שימערן און לייכטן
די שווערע קאנדעלאברעס בייט זופיס,
ווי דורך א שמייכל א פארטרערטן,פייכטן,
זווארצאפלען וואלטן פריידיק אויפגעגלים.
דער לאמפן-שיין פארפלייצט די טרעפ,די ווינקלען,
און טלאנקע מארמאר-זיילן מיט געוועבן
פון אדערן,ווי בלאנקע לייבער פינקלען,
ווי ס'וואלט אין זיי געצידלט זאפט פון לעבן.

אין די געוועלבן ביי א זייל שטייט רענדלער,
דער קליינער עמיגראנט פון נירענבערג;
דער איינגעשרומפענער אנטיקן-הענדלער
אין ווינקל שטייט פון קיינעם ניט באמערקט.
פארטרויערט קוקט ער אויף דער ארנאמענטיק
ווי ער וואלט עס געווען אליין דער מייסטער,
וואס האט אלץ אויסגעפורעמט אייגנהענטיק,
און איצט איז ער באהערשט פון בייזע גייסטער.
דער קליינער עמיגראנט פון נירענבערג,
זעט אויס צו פוסגס פון דעם זייל נאך קלענער:
"א. באס, ס'איז אין געפאר דאס גרויסע ווערק,
און דאס פארשטייען גיט די קלוגע מענער.
זיי זעען נאך ניט ווי די חיה שפאנט!
ס'באדארפן אלע זייער היים פארלאזן,
ווי הירשן, ווען אין גריניעם זומער-לאנד
פאלט אויס פריער א שניי און טויט די גראזן.
די הירשן וואנדערן דורך נעכט און טעג,
באלאגערטע דורך רויב-חיות און יעגער,
ביז זיי דערגרייכן נאך א לאנגן וועג
צו פאשע און א רואיקן געלעגער.
ס'הערט רענדלער אייזערנע סאלדאטן-טריט,
ער ווייס ס'איז וואר,ס'איז ניט קיין אנגסט און פיבער.

די יידישע געמיינדע הערט אים ניט
און מיינט,עס וועט די טויט-געפאר אריבער.

די אייזערנע געשמידעטע טיר בלייבט אפן.
דער לעצטער אין דער שטאט-שול בלייבט אליין
דער ייד,וואס איז פון נירענבערג אנטלאפן
און שעפטשעט: "גאט,דאס אלץ וועט אונטערגיין ? ! "

??

אויף אונדזער ווענדונג צום חבר חיים גראדע וועגן באטייליקן זיך
אין אונדזער יזכור-שריפט האבן מיר באקומען פון אים א תשובה,וואס מיר
דרוקן איבער מיט קיצורים :
"ליבע חברים און בני עיר,
...איך וועל זיך גערן באטייליקן אין אייער וויל-
נער שריפט.איך וועל אייך שיקן א קאפיטל פון מיינער א ווילנער פאעמע,
וואס איז נאך ניט געדרוקט אין בוך-פארעם.
...גריסט הארציק אלע גוטע וויל-
נער,וואס לעבן ניט ב ל ו י ז מיטן ווילנער יחוס ,נאר טוען אויך
ארבעט.
...איך האף,אז איך האב אייך דאס מאל איבערצייגט,אז וואס איך
קען טאן פאר מיינע בני עיר אין אייער שטאט,איז מיר קיין ארבעט ניט
צו שווער.
אייער חיים גראדע.
מיר דרוקן דעם פרעכטיקן קאפיטל פון
דער פאעמע מיט גרויס נחת רוח און מיט טיפער דאנקזאגונג צום חבר
און בן עיר.
די רעדאקציע.

סימא דאוואנג

סטראשון-גאס 12 אין ווילנער געטא

סטראשון-גאס 12 האט אין שלום-צייט געהערט צו כאלעמען.
דער הויף איז געווען א פירקאנט,איינער פון די גרעסערע הויפן אין
געטא.אין די ערשטע טעג נאכן ארייבטרייבן אין געטא,ווען משפחות
האבן זיך געוואלגערט אויף אין איילעניש פארכאפטע שטיגן,ווייל קיין
פלאץ אין די וואוינונגען איז שוין ניט געווען,האט מען דעם פראנט
פון הויז 12 ניט געקענט אויסנוצן.ס'איז געווען א רואינירטער דריי-
גארנדיקער מויער פון א ליניר-פאבריק,און רעגלמעסיק פארפולטע באלקנס,
מיט צעבראכענע אינעווייניקסטע טרעפ ,מיט בערג פאפיר-אפפאל און שטי-
קער גלאז פון די שויבן.אין לינקן פליגל פון הויף איז געווען א
בית מדרש,פון וועלכן מען האט גלייך דעם ערשטן יום כיפור צוגענומען
די מתפללים אין זייערע טליתים און אוועקגעפירט אויף פאנאר.

אנטקעגן טויער ,טיף אין הויף,איז געווען א צווייגארנדיקער
מויער וואס האט אויף דער אנדערער זייט געגרענעצט מיטן "אריטן" לי-
דער געסל.דער רעכטער פליגל האט געהאט געדרייטע דרויסנדיקע אייזער-
נע טרעפ,און שפעטער זיינען אין אים געווען אן א שיעור מאלינעס
(דורך די בוידעמער אויף אויסן געטא.

האט דער יודן-ראט אפגעגעבן דעם קולטור-אפטייל דעם פראנט
הויז.דער לערער יוסף לייקין,א טול פארוואלטער ביז דער מלחמה,האט

צוזאמען מיט די לערערינס מירע בערנשטיין,מאניע גראסמאן און סימא לייקין אפגערייניקט די דירות,צוזאמענגעשלעפט בענק און טישן(פון בית המדרש),"באגלאזט" מיט טעקטור און מיט שטיקער גלאז די פענצטער. לייקין האט אליין פארבויט די באלקנס און אפגעטיילט צימערן מיט ברעטער און לאדנס צוזאמענגעשלעפטע פון די חורבות.די ערשטע אינעווייניקסטע טרעפ זיינען געווען אן א פארענטש און די קינדער פלעגן זיך שרעקן ארויפצוגיין.דאס האט אבער מעגלעך געמאכט אויסצונוצן נאך קלאסן אין וועלכע עס האט זיך דערשפירט א דוחק מיטן לויף פון דער צייט.

דער געטא-קאמענדאנט,זעענדיק דעם רעזולטאט פון דער ארבעט , האט אפגעגעבן דער שול ערשט א טייל פון רעכטן פליגל ,דערנאך,נוען מען האט באשלאסן גרינדן א קינדער גארטן ,-אויך דעם צווייטן גארן פון לינקן פליגל,ד.ה.דעם בית המדרש וואס איז געשטאנען פוסט און צערא-בירט.האט מען אויסגעמאלט ערטערווייז דעם זאל,איבערלאזנדיק די שיינע מאלערייען פון פריער.דעם בעלעמער האט מען געלאזט פאר א ווינקל ׳ פון שפילעכלעך,די ווייבערשע קלויז פארן עסזאל פון די קליינטשינקע.

זיי האבן הילביק געזונגען און הארציק געלאכט מיט זייער לערערין לערערין בתיה זשעלעזניקאוו.האט עס געהייסן שול נומ׳ 1 .

דעם צווייטן יאר פון געטא,ווען דער טעגלעכער באזוך אין דער שול נומ׳ 1 האט געשטיגן ביז איבער טויזנט קינדער ,האט מען גע-בראכן ווענט פון פראנט פון צווייטן גארן צו א סכנותדיקער דירה און געמאכט א גרויסן רעקרעאציע-זאל ,איינעם פון די גרעסטע אין גע-טא.אין דער וואכן איז דער זאל געווען איבערגעטיילט מיט שאפעס, מיט בופעטן פון אלטן סניט,מיט אויפגעשטעלטע פירקאנטן פון גרויסע דיכטן.דאס אלץ פלעגט מען צענעמען אין דער צייט פון גרויסע פיי-ערונגען

דעם מויער טיף אין הויף אנטקעגן טויער האט מען לאנג גע-מייסטרעוועט ,געמאלט און צוגעפאסט פאר א קינדער קיך. די פארוואלטע-רין פון קיך פרוי סאבאד,האט ניט גערוט ביז וואנען מען האט ניט צוזאמענגעבראכט די אלע איינריכטונגען וועלכע זיינען געווען נויטיק אויף א מוסטערקיך אין די געטא-באדינגונגען.די קעסלען האבן געדארפט אויסקאכן זופ פאר איבער 2000 קינדער,און אפעסן האט מען געמוזט אין משך פון א צוויי שעה.די מאלצייטן פלעגן אדורכגיין אין א מוסטערהאפטער ארדנונג :יעדער לערער מיט זיין קלאס (לערערס זיינען שוין יעמאלט געווען 36)יעדע שול אין איר שעה.
די צווייטע טיר פון קיך איז געווען די מילכערײ.אן אפטיילונג פון "אזע" צו פארטיילן מילך און פארטיקע שפייז פאר זייגקינדער. פאר נאכט פלעגט ווערן דער הויף פול מיט מענטשן וועלכע פלעגן זיין אויסגעשטעלט אין א געדרייטער שלאנגענריי צו דער טיר פון מילכערײ— פלעגן זיי אזוי שטיין ביז וואנען די שכנים פון הויף פלעגן זיך אומקערן פון זייערע "אויסן-קאמאנדאט".פארשטויבטע,פארחושכ-טע פלעגן זיי זיך דורכשטופן דורך דעם געדראנג ,ארויפקריכן אויף די בעדרייטע טרעפ און פארשוואונדן ווערן אין זייערע ווינקלען.

שפעט אין אוונט פלעגן זיך דערהערן לידער פון דארטן,לי-דער פון חלוצים וואס האבן זיך קאנצענטרירט אויף איינער פון די טרעפ.א מאל פלעגט די גאנצע רוסיקע גאס מיטן טומלדיקן הויף אנט-שוויגן ווערן און בלייבן שטיין און צוהערן זיך צו א פיאנא.

קאנצערט וועלכער טראגט זיך פון די אפענע פענצטער' אין סול .אין אוונט
איז דא געווען די מוזיק-קאנסערוואטאריע פון געטא. טייל מאל פלעגט
זיין א פראבע פון סליעפס כאר, און ניט איין פארטרערטער בליק פלעגט
ארויפקוקן צום פרייען הימל הערנדיק דעם רעקוויעם "באוויינט ניט,באוויינט
ניט די העלדן וואס זיינען טויט"...

דער פארוואלטער פון סול האט ארויסבאקומען א דערלויבעניש צו נע-
מען א ווינקל פון הויף כדי צו מאכן א סולגארטן. אין געטא איז גע-
ווען נאר איין בוים,אויפן הויף פון יודן-ראט,און עס זיינען ניט גע-
ווען קיין באגרינטע שטחים. האבן די קינדער זיך געפרייט מיט יעדן
אויסגעוואקסן גרעזל,און גאר די קליינע האבן געשטויינט :"אט אזוי וואקסט
עס ".אין די לעצטע טעג פון געטא ,ווען די דייטשן האבן געפאדערט מען
זאל פרייוויליק ארויס פון די מאלינעס און זיך מעלדן אויף צו פאר-
לאזן די געטא, האט דער שטאב פון פפ"א צוגעגרייט א פארטיידיקונג אין
הויף פון סטראשונא 12.אין קאמף זיינען געפאלן די פארטיידיקערס.דער
דינאמיט וואס די דייטשן האבן אונטערגעלייגט האט אויך מיטגעריסן דעם
דינאמיט פון' סולקעלער, הרוגים,גרוז און ציגל זיינען געבליבן פון סטרא-
שון -גאס 12.

די ערשטע צוויי קדושים דא זיינען געווען אן אלט פאר-
פאלק.געווען איז דאס אין דער צייט פון דער אקציע פון די געלע שיי-
נען.אין געטא אין אקטאבער 1941.די באזיצערס פון די געלע שיינען האט
מען ארויסגעלאזן' מיט זייערע פרויען און קינדער ביז 16 יאר צו זיי-
רע ארבעט-פלעצער.ווער עס האט ניט געהאט קיין געלן' שיין איז געווען
פארמשפט צום טויט,ארויסגעפירט צו ווערן אויף פאנאר.זיינען די איבער-
געבליבענע געלעגן אויסבאהאלטן אין די מאלינעס-אין לעכער,אין חורבות,
אויף ביידעמער.סטראשון-גאס 12 האט געהאט א געהיימען ארויסגאנג אויף
דער אריסער גאס.דעם סוד פון ארויסגאנג האבן געוואוסט די פאר אלטע
שומרים' פון הויף.זיי האבן נאך פאר דער אקציע גערעדט צו די שכנים:
"יידן,מיר זיינען שוין אלט,מיר וועלן היטן דעם טויער.ביי א סכנה
וועלן מיר אייך געבן צו וויסן,זאלט איר ארויס פון די מאלינעס און
אנטלויפן דורך דעם ארויסגאנג ".

אין דער ערשטער נאכט פון געיעג זיינען נאך די כאפערס צו
סטראשון -גאס ניט דערגאנגען.זיי האבן פלאנמעסיק און גרונטיק געזוכט
גאס נאך גאס.די צווייטע נאכט האבן זיי זיך דערנענטערט צו דער גאס.
דער אלטער איז געלאפן איבערן טויט-שטילן הויף און מיט א פארשטיק-
טן שעפטשען געווארנט די באהאלטענע"זיי גייען שוין".זיין פרוי איז
געזעסן אין פארהאקטן טויער און געקוקט דורך די שפאלטן,געווארט.
ווען די סאלדאטן האבן גענומען ברעכן דעם טויער,האט דער אלטער גע-
געבן דעם אפגערעדטן צייכן.א סך האבן באוויזן צו באהאלטן זיך-נאר
אויף דער צייט פון דער אקציע,אין דעם גרייטן געסל וואס איז נאך
פאר דער געטא געווען אויסגעלייזדיקט פון איינוואוינערס.די וואס האבן
ניט באוויזן זיך ארויסצוכאפן זיינען ארויסגעפירט געווארן דורך די
כאפערס.

דעם אלטן און די אלטע האט מען גלייך ביים טויער פאר-
פייניקט.די רוצחים האבן פארשטאנען,וואס די אלטע האבן אפגעטאן.גלייך
ביים טויער איז געווען א מאלינע אין קעלער--מען האט זיי יעמאלט
ניט אויפגעדעקט;און די עדות האבן געהערט,ווי מען האט די אלטע גע-
מאטערט צוזאגנדיק זיי צו לאזן פריי אויב זיי וועלן אויסזאגן די
מאלינעס פון הויף.אבער מער ווי געיאמער און געשרייען פון ווייטאג
האט מען פון זיי ניט ארויסבאקומען.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אויפן דריטן טאג האט מען צוריק ארייגעלאזן אין געטא די
יידן מיט די געלע סיינען.טויטשטילקייט און צעבראכענע טויבן,בעבעכעס
ארויסגעווארפענע פון די הייזער האבן זיי באגעגנט ביים אנקומען.
אין טויער ביי סטראשון-גאס 12 זיינען אויף א קליינעם האנט-וועגע-
לע געלעגן די קערפערס פון די צוויי אלטע שומרים: די אלטע דארע
געל-טויטע הענט צעווארפן פוןביידע זייטן וועגעלע,די **פנימער** פאר-
קרימט. סאלדאטן האבן געהאט געהייסן די אויסגעכאפטע יידן ,מען זאל
די טויטע מיטנעמען אויף פאנאר,אבער צוליב א פלוצעמדיקן באפעל זיך
צו איילן האט מען זיי אזוי איבערגעלאזט מיטן וועגעלע צוזאמען .

און עס זיינען יעמאלט געווען אזוינע טעג,אז מען איז אין
טרעקעוודיקער איילעניש פארביי <u>דעם</u> פאל פון קידוש השם.
איך געדענק אפילו ניט זייערע נעמען.

סלמה פינסקער

מיינע באגעגענישן אין יענע טעג...

אין הארבסט 1941 ,נאכן פארלאזן די געטא האב איך ארומגע-
וואנדערט איבער די ווייסרוסישע שטעטלעך און דערפער אלס פאליאק,אפ-
שטעלנדיק זיך אויף א טאג אדער צוויי אין פארשיידענע דערפער,האב
איך איין מאל פארבלאנדזשעט אין סוויר,ווילנער געגנט.איך האב זיך
ארומגעדרייט אויפן מארק פון שטעטל ,און איך האב באגעגנט א מענטשן
וואס זיין פנים איז מיר געווען זייער קענטלעך.ער איז געווען אנ-
געטאן אין׳ א קורטקע,געטראגן שטיוול און א פוילישע קאנפעדעראטקע
אויפן קאפ.

ווען איך האב זיך צוגעקוקט נעענטער צו דעם מענטשן
האב איך אים דערקענט דעם חבר שמערקע קאטשערגינסקי ע"ה.

איך בין מיט אים אפגעגאנגען אן א זייט און אים שטי-
לערהייד געפרעגט :"זאג מיר ,שמערקע ,דיין אויסזען אלס פאליאק איז
זייער גוט,אבער דו קענסט דאך ניט קיין ווארט פויליש !דו- א פאליאק ?"

ווי דערשטוינט בין איך געווארן,ווען ער האט מיר גע-
ענטפערט,אז ער שפילט די ראליע פון א שטומען ! ער האט געארבעט אויף
א פאלווארעק און אדאנק דעם זיך געראטעוועט.

א צווייטע באגעגעניש האב איך געהאט אין מאלאדעטשנע אין
1943 מיט א ווילנער לאנדסמאן דוד מערליס.זיין פאטער האט געהאט א
בוכבינדערײַ אין ווילנע,אנטקעגן שטאטזאל. ער האט מיך גלייך דערקענט,
און זיך פאר מיר פארגעשטעלט,אז ער לעבט אויף אריסע פאפירן און אר-
בעט ווי א באאמטער אין א האנדלס-געזעלשאפט.ער האט זייער גוט גע-
רעדט פויליש,און האט געמאכט דעם איינדרוק פון א טיפישן פאליאק.

צום אומגליק האט ער אויף א פארווײַלונג זיך א ביסל
פארגעסן. נאכן אויסטרינקען א פאר כוסות האט ער אנגעהויבן שילטן
די דייטשן. מען האט אים דעמאסקירט און דערשאסן אויף אן ארט.

!!!

מרים באראנעס

די ליקווידאציע פון ווילנער געטא

ווייט,גאר ווייט איז פון אונדז ווילנע,און נאר מיט די געדאנקען טראג איך
זי ך אריבער צו דעם טאג׳ ווען איך בין געצוואונגען געווען צו פארלאזן מיין
אומפארגעסלעכע היימשטאט.

געווען איז דאס דעם 23 סטן סעפטעמבער 1943 –כג–כד אלול.זינט איינ-
קע וואכן איז שוין איבער דער געטא געהאנגען דער גזר פון ליקווידאציע.
נאך דעם ווי די דייטשן זיינען געפאלן אויף די שפוהן פון דער פארטיזאנער-
באוועגונג האבן זיי מיט אלערליי מיטלען זיך גענומען צו דער ענדגילטיקער
פארניכטונג–אקציע.

זיי האבן דורכגעפירט הויז–זוכונגען און ארעסטן אין געטא;געשיקט
אויף פאנאר, וואס איז געווארן דער מאסן–קבר פון צענדליקער טויזנטער מענער,
פרויען און קינדער; פארשיקט אין די לאגערן. זיי האבן זיך באמיט אפצושווא-
כן די קאמף–גרייטקייט פון די יידן .זיי האבן געשאפן א דעזארגאניזאציע מיטן
דערשיסן דעם שעף פון געטא– גענס– פאר זיין כלומרשטער פארבינדונג מיט די
פארטיזאנער.
ארגאניזירטע גרופעס האבן אנגעהויבן פארלאזן די געטא,זעענדיק די
איינציקע רעטונג אין דעם קאמף אין די וועלדער.מען האט זיך באמיט,אז א גרע-
סערע צאל פון דער יוגנט זאל אוועקגיין.אבער די צייט איז געווען זייער קורץ.
אין דער נאכט׳פון מיטוואך אויף דאנערשטיק ,דעם 23 סטן איז אין געטא קיינער
ניט געשלאפן.

דער ס.ס.–מאן קיטעל האט געמאלדן אויפן הויף פון יודנראט,אז
די געטא איז פארוואנדלט געווארן אין א פארטיזאנען–שולע,און דערפאר ווערט
זי ליקווידירט.די מענטשן וועט מען ארויסשיקן אויף ארבעט אין די לאגערן.
דאס באהאלטן זיך איז צוועקלאז,ווייל אויף מאבגן וועט די געטא אויפגע-
ריסן ווערן אין דער לופטן.פאר טאג האט בעניאקאנסקי אויך געמאלדן וועגן דעם.

די געטא איז ארומגערינגלט פון אלע זייטן.מען פאקט זיך...
מען גרייט זיך אין וועג.מען לויפט צו די מאלינעס.מען פרואווט ארויסצו-
גיין פון דער געטא דורך די קאנאליזאציע–רערן, אבער ניט אלע האבן צוטריט
צו זיי.וואס טוט מען? ווי גיט מען זיך אן עצה? ווי ראטעוועט מען די מא-
מען,יאסעלען און זיך ?צי וועט מען אונדז ניט צעטיילן אין לעצטן מאמענט ?

אוקראינער און ליטווינער גייען אין די הויפן און טרייבן אלע-
מען ארויס פון די הייזער. מען האט אויפגעריסן די שפייז–און באקליידונג-
מאגאזינען.אויפן גאס וואלגערן זיך זעקלעך צוקער און מעל.דערזעענדיק שפייז
האט דער עולם גענומען שלעפן אהיים די צעווארפענע פראדוקטן.פריער האט
מען אין די סקלאדן געמאכט זאפאסן,און די מענטשן האבן געהונגערט,און
איצט גייט אלץ פארן טייוול.

יאסעלע ברענגט יעדן מאמענט אנדערע ניַעס .אלע אנגעשטעלטע
פון די ווארשטאטן צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס זיינען פארזאמלט אויפן
הויף פון יודנראט.זיי וועלן מסתמא פארן אין זאוולער געטא צוזאמען מיט
די פאליציאנטן.
איך האב געמאכט 3 קליינע פעקלעך מיטצונעמען.ווער ווייס,אפשר
פירט מען אונדז דאך אויף ארבעט און ניט צום טויט? באוואפנטע אוקראינער
ס.ס. זיינען אריין אין אונדזער הויף און באפוילן ארויסצוגיין פון די הײ-
זער,ווייל אין 20 מינוט ווערט דאס הויז אויפגעריסן.קיין אנדער אויסוועג
איז ניט געווען ווי נעמען די פעקלעך און גיין. נאך מיט 3 וואכן צוריק האט

דער שעף פון דער געסטאפא,נייגעבויער,באפוילן איניפצורייסן איינינקע הויפן אין געטא,באגראבנדיק אונטער די חורבות הונדערטער קרבנות,ווייל מען איז ניט געגאנגען פרייוויליק צו דער ארבעט אין די לאגערן.

פאמעלעך,מיט שווערע טריט און מיט נאך א שווערערן געמיט זיינען מיר געגאנגען איבער די שמאלע געסלעך.שטום האבן אויף אונדז געקוקט די מויערן.אויף דער גאס האבן זיך געוואלגערט צעטראטענע זאכן,און אויף רודניצקי-גאס האט'שפּאצירט קיטעל.מיט א געמאכטער פריינדלעכקייט האט ער געשמיכלט צו אלעמען...

מען גייט צום טויער...איינציקווייז,משפּחהווייז...נאך עטלעכע טריט און מיר זיינען שוין אויסערן טויער. צום לעצטן מאל האב איך זיך אומגעקוקט הינטער זיך. אויפן טויער הענגט א גרויסע ברעט מיט דער אויפשריפט :אכטונג! יודען-פירטעל! זויכען-געפאהר! ווי מצורעים האבן אונדז די דייטשן אפגעטיילט פון דער ארומיקער וועלט,געמאכט אונדז פאר קנעכט,צוגערויבט דאס מינימאלסטע מענטשן-רעכט און געגעבן בלויז א נומער,וואס מען האט געמוזט טראגן אויף א שנירל אויפן האלדז.דאס בלעכל האבן זיי באצייכנט ווי א "הונדע-נומער". אבער דאך דריק איך פעסט צום הארצן מיין נומער 1782 .איך היט אים ווי א טא-ליסמאן.איך האב געהאט א מאדנעם גלויבן(אדער אן אבערגלויבן),אז אזוי לאנג ווי איך האב אים וועל איך לעבן,ווייל ווען מען לייגט צוזאמען די ציפערן מאכט דאס ח׳י—צום לעבן.

איבערן גאנצן וועג פון געטא ביז סובאטש-גאס,וואו עס געפינט זיך דער מאנאסטיר פון די וויזיטקעס,זיינען געגאנגען אוקראינער און אונטער-געטריבן די מענטשן. "ווער ווייס,צי גייען מיר ניט דעם לעצטן מאל איבער די ווילנער גאסן,צי פירט ניט דער וועג צום טויט? ",האב איך געטראכט. ענדלעך זיינען מיר געקומען צום טויער פון גארטן."מאמע !מען טיילט פונאנדער די מענער פון די פרויען !"-האט יאסעלע א געשריי געטאן.מיר זיינען געבלי-בן שטיין ווי געפּלעפּטע. ס.ס.-ניקעס האבן געטיילט : יונגע מענער באזונדער, פרויען,קינדער און אלטע לייט—אין גארטן אריין.מיר האבן זיך אנגעהויבן צו שטופן,כדי דורכלאזן פאר זיך די גרויסע מאסע מענטשן,וועלכע זיינען גע-גאנגען הינטער אונדז.מיר זיינען געבליבן שטיין איינע אנטקעגן די אנדערע און ניט געקענט אויסריידן קיין ווארט.יאסעלע האט אנגעהויבן נערוועז צוקן מיט די ליפן.מיט איין האנט האט ער צוגעהאלטן דעם רימען פון דעם רוקזאק. א מאגערער,א בלייכער,מיט טרערן אין זיינע טיפע טונקל-בלויע אויגן איז ער געשטאנען.שווער איז אים געווען זיך צו שיידן ,זיך׳צו געזעגענען אפשר אויף אייביק. מיר האבן זיך צעקושט. "גאט זאל דיך היטן,מיין קינד ",האט די מאמע ארויסגעשעפּטשעט.

די ווייטער אנקומענדיקע מאסן האבן אונדז פונאנדערגעטיילט.
א דייטש האט יאסעלען א יאג געטאן הינטערן פארקאן פון מאנאסטיר,וואו עס זיינען שוין פארזאמלט געווען א סך מענער.צוזאמען מיט דער מאמען האב איך זיך אראפגעלאזן אין טאל. אין בלאטע זיינען געלעגן קליינע קינדער פון יתומים-הויז,אלטע לייט און קראנקע פונעם שפּיטאל.די געוויינען און געשרייען זיינען געווען הארצרייסנדיק. עס האט אנגעהויבן צו ווערן טונקל. דער טאל האט אויס-געזען ווי אן אמתער קבר,דעצו האט נאך אנגעהויבן צו פאלן א דראבנער רעגן, וואס האט דורכגענומען ביז דעם מארך פון די ביינער.די קינדערלעך האבן ווי פייגעלעך געציטערט פון קעלט,זיך געטוליעט איינער צום אנדערן.מיר האבן זיך אוועקגעזעצט אויפן גליטשיקן,קלעפּיקן באדן.אויבן,אויף די בערג זיינען ארומגעגאנגען ס.ס.-ניקעס און געמאכט שייטערהויפנס.יונגע יידישע מענער האבן געטראגן האלץ,און פארבייגייענדיק פלעגן זיי שרייען :"מאמע,שרה,רחל,וואו ביסטו?" זיי פלעגן וועלן צו וויסן געבן,אז זיי געפינען זיך נאך אויבן.פון צייט צו צייט פלעגן די דייטשן אויסשיסן אין דער לופטן כדי איבערשרעקן דעם עולם.מיט ראקעטן

האבן זיי באלויכטן דעם טאל, וואס האט אויסגעזען אימהדיק-טראגיש מיט די טויזנטער אומגליקלעכע.

ענדלעך האט אנגעהויבן צו טאגן. אויבן אויפן בארג האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן גרופעס פרויען. זייערע קאנטורן זיינען געווארן דייטלעכער. מען האט דערקענט אין זיי די "פני" פון געטא; די פאליציאנטקעס, די אנגעזעסלטע פון ארבעט-אמט און אנדערע אנגעזעסלטע פון יודנראט. זיי, די ביז איצט אויסדערווײלטע, האבן, ווי עס ווײַזט אויס, געדארפט טיילן דעם אלגעמיינעם גורל. עס איז ניט אריבער קיין שעה ווי די מחנה מענטשן, וואס האבן זיך געפונען אין טאל, האט זיך אנגעהויבן צו באוועגן. ווי מוראשקעס, איינע הינטער די אנדערע האט מען זיך געדראפעט אויף די גליטשיקע בערגלעך צום טויער פון גארטן. עס איז געווען שווער צו אונטערשיידן איינצלנע מענטשן. פלוצלונג... מען שפארט זיך אויף צוריק. פרויען מיט אויסגעקרימטע געזיכטער פון שרעק זיינען געלאפן. מען טײלט אויף רעכטס און לינקס!

אויף לינקס נעמט מען צו די פעקלעך... מען שלאגט מערדערלעך... דארטן גיסט זיך בלוט ווי וואסער. אויף רעכטס שיקט מען נאר יונגע פרויען. פרויען מיט קינדער ווארפט מען אויף לינקס. די מענטשן שפארן זיך אויף צוריק. אונטן פון טאל קומט אן א נייע כוואליע. די שטופט זיך צום טויער, ניט וויסנדיק וואס אויבן קומט פאר. די מערדערס טרייבן צום אויסגאנג. מאמעס מיט א ווילדן אויסדרוק אין די אויגן דריקן צו די עופעלעך צו זיך. צוזאמען מיט זיי וועלן זיי גיין צום טויט. אנדערע ווארפן די קינדער אוועק, און פרובירן זיך דורכרייסן אויף רעכטס. איינציקע מאכן פון די קינדער פעקלעך, לייגן זיי אריין אין רוקזאק, און מיט א דרייסטן מוט גייען זיי צום טויער, צום וועג, וועלכער ווייזט אויס צו זיין צום לעבן. דערטן זיינען געשטאנען יונגע פרויען און מיידלעך מיט פעקלעך אויף די פלייצעס. לינקס פון טויער איז געשטאנען א געדיכטע [illegible] מיט בלוט-פארלאפענע אויגן און גלאנציקן אויסדרוק אויף די [illegible] א לייטנאנט האט [illegible] געשיקט און מען אויף רעכטס און וועמען אויף לינקס...

די [illegible] איז אנגעקומען אויף אונדז. איך בין א ווײַלע געשטאנען אויפן שיידוועג. גלייך איז מיר קלאר געווארן: איך וועל מיין מאמען ניט פארלאזן, וואס עס זאל ניט זיין, וועל [illegible] גיין [illegible]. איך האב מיך אפילו ניט באמיט ארויסצוקומען אויף רעכטס. די מאמע האט אבער מיט טרערן אין די אויגן ביי מיר אנגעהויבן זיך צו בעטן, איך זאל זען זיך צו ראטעווען און ניט קוקן אויף איר. איר וועט גרינגער זיין שטארבן צו זעען מיט דעם געדאנק, אז זי פירט מיך צום [illegible] וואס איך פאר א ווייטיק דאס איך פאר א מאמען אויסצוהאלטן א קינד און עס פירן צום טויט? איך מוז לעבן צוליב זאמעלען. ער איז יונג און שוואך. איך מוז אים העלפן. אפשר וועט מען אים שיקן אין דעם [illegible] לאגער מיט מיר? א שרעקלעכער קאמף איז אין מיר פארגעקומען. דאס הארץ האט זיך געריסן אויף שטיקער. לאזן דער מאמען גיין אויף לינקס, און אליין זיך ראטעווען... ניין, דאס איז [illegible] צוזאמען מיטן פולן באוואוסטזיין, אז איך גיי אויף א זיכערן טויט... און מאמעס: דער וועג צו רעכטס האט אזא שטארקע מאגנעטישע קראפט, אז איך גיב זיך ניט אפ קיין חשבון וואס איז מיט מיר קומט פאר. עס שפיגלט זיך ניט אפ אין מיין באוואוסטזיין, נאר [illegible] אין מיין נשמה גליט זיך פונאנדער א פארלאנג צו לעבן. איך פרוביר [illegible] פארשטיקן אין זיך דאס געפיל. אבער דער פארלאנג צו לעבן ברענט אין מיר ווי א פייער. די געדאנקען ביישן זיך בליץ-שנעל. ווי בין איך דאס אזוי עגאיסטיש? "מאמינקע, איך גיי מיט דיר". "מיר גייען צוזאמען. דאס פארבארגענע געפיל גיט מיר ניט קיין רו. וועל איך עפעס העלפן ווען איך וועל

גיין מיט דער מאמען אויף לינקס ?

....

....

דאס אלץ האט געדויערט געציילטע סעקונדעס, אבער איצט, ווען איך פארשרייב וועגן יענעם שרעקלעכן טאג, דוכט זיך מיר, אז דאס האט זיך געצויגן לאנגע, פיינלעכע שעהען.

איך האב אנגעקוקט מיין מאמען. אירע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן. אין זיי האט זיך אפגעזפיגלט א ים מיט פיין.
" גיי, מיין קינד...גיי אליין...

איך גיי אויף רעכטס. די מאמע הייסט דאך מיר. איך האב זי ארומגענומען. זי האט מיך צוגעדריקט צו זיך. צום לעצטן מאל האב איך געשפירט, ווי אירע הייסע טרערן מישן זיך צוזאמען מיט מיינע. עטלעכע הייסע קושן.
" זיי געזונט, מיין קינד. גאט זאל אייך בייִדן באַשיצן ". איך בין געווארן ווי פארשטיינערט פון ווייטאק. אלע מיינע געפילן זיינען ווי אפגעטויט געווארן. איך האב בלויז געזען די געדיכטע וואנט פון די רוצחים, וועלכע האבן אפּגעטיילט די מענטשן. דער דייטש מיטן ליטווינער האבן ווייטער געציילט. ווען די צאל איז דערגאנגען ביז 1500 האבן זיי פארמאכט דעם טויער. אונטן אין טאל איז נאך פארבליבן א גרויסע מאסע מענטשן.

5 אזייגער אין אוונט האט מען אונדזער גרופע אויסגעשטעלט פארווייז און אוועקגעטריבן צום באן. פארבייגייענדיק לעבן מאנאסטיר האבן מיר דערזען א שרעקלעך בילד : אויף דריי תליות זיינען געהאנגען די קערפערס פון אבראַשע כוואיניק, אסיע ביג און יאנקל קאפלאן. ווי מען האט שפעטער דערציילט, האט זיי געטראפן א דייטשישער פאטרול. אין דעם מאמענט ווען זיי זיינען געגאנגען זיך אנשליסן אין א פארטיזאנער-אפטיילונג. ווען די דייטשן האבן זיי געוואלט פארהאלטן, האבן זיי געעפנט א שיסעריי. עטלעכע דייטשן זיינען געפאלן טויטע.

מיט נאגייקעס און מיאוסע זידלערייען האבן אונדז די אוקראי-נער געטריבן צום באן, וואו עס האבן אויף אונדז געווארט צוגעגרייטע וואגאנען. פון די באן-ארבעטער האבן מיר זיך דערוואוסט, אז 1 אזייגער ביי טאג איז אפגע-פארן דער מענער-עשעלאן אין דער ריכטונג צו עסטלאנד.
אונדזער טראנספארט איז אנגעקומען קיין ריגע-קייזערוואלד. ווי מען האט אונדז איבערגעגעבן זיינען אלע איבערגעבליבענע אין טאל, און די וואס זיינען אוועק אויף לינקס דערהרגעט געווארן אויפן ארט, אדער אין די קרעמאטאריעס און אין די טויטן-לאגערן.

צום צוואנציקסטן יארצייט צינד איך אן ליכט צום הייליקן אנדענק פון מיין פאטער, וועלכער איז נאך אומגעקומען אין דער אקציע פון די ראזע טיינען, מיין מאמען, יאסעלען און די טויזנ-טער קדושים, וואס זיינען אומגעקומען פון די מערדערישע הענט. נאך מיין אלטער היים ווילנע, וועמעס אנדענק איז מיר אזוי ליב און טייער.

יוסף ריוואש

מערדער פון נאענטן געזען

ווי מיר האבן ארעסטירט מארטין ווייסן.

עס איז מיר באשערט געווען דורכצוגיין דעם פולן "קורס" פון דער דייטשישער אקופאציע : בראסלאווער געטא,גלובאקער געטא,מיט די פארטיזאנער אין די וועלדער,באפרייאונג פון ווילנע,און צום סוף—א 3 יאריקער "וויזיט" אין דעם לאנד פון טונא,אויף דער פארשאלטענער דייטשישער ערד.

אין דעם ארטיקל פאר אונדזער זשורנאל צום 20 סטן יארצייט נאך דער יידישער ווילנע וויל איך זיך אפשטעלן בלויז אויף מיין טעטיקייט אין דייטש-לאנד נאך דער מלחמה.

איך בין אנגעקומען קיין מינכען אין נאוועמבער 1946. די מלחמה האט זיך געענדיקט מיט א קורצער צייט צוריק.די שטאט איז געווען צעשטערט;ניט געווען קיין ליכט,קיין באהייצונג,די בנינים צעשמעטערט.און הגם איך האב געמוזט לעבן ווי א די.פי.,אין זייער שווערע באדינגונגען,האט מיר פארזאפט גרויס הנאה צו זען מיט מיינע אויגן דעם חורבן פון דייטשלאנד.איך האב ניט געהאט בדעה צו פארבלייבן דארטן,אבער אזוי ווי דער גורל האט מיך געבראכט אהין,האב איך באשלאסן אויסצונוצן די אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייט צו נעמען נקמה אין די מערדערס פון אונדזערע עלטערן,ברידער,שוועסטערס און קינדער.

דער געדאנק וועגן נקמה איז געווען איינגעווארצלט אין מיין הארצן. אפילו אין די ערגסטע צייטן,אין דער פינצטערער תקופה,ווען עס איז געווען אזוי שלעכט און ביטער,ווען עס פלעגן אנקומען די שוידערלעכע ידיעות וועגן דער סיסטעמאטישער ליקווידאציע פון די געטאס,ווען עס איז ניט געווען קיין שום האפענונג איבערצולעבן—פלעג איך קלערן:עמעצער וועט דאך ווי עס איז מיט נסים בלייבן לעבן,וועט אויף אים ליגן דער הייליקער חוב לגבי די קדו-שים צו נעמען נקמה פאר דעם ים פארגאסענעם בלוט.

מען האט מיך,ווי א די.פי.צוגעטיילט צום לאגער טראוטשטיין,לעבן מינ-כען.געווען בין איך דארטן צוויי טעג,און כ'האב זיך געזאגט :ניט דא איז מיין ארט,לאנג וועל איך אויף דער פארשאלטענער ערד ניט בלייבן.די צייט איז קורץ, מ'דארף זיך נעמען זוכן די מערדערס.איך בין אוועק קיין מינכען.געקומען צום צענטראל-קאמיטעט פון די באפרייטע יידן אין דער אמעריקאנער זאנע און האב פארגעלייגט צו ארגאניזירן אן אפטיילונג צו זוכן די קריגס-פארברעכערס.דער צ.ק. האט אנגענומען מיין פארשלאג און האט מיך באשטימט אלס לייטער פון דעם רעפעראט.איך האב ניט געוואוסט פון וואס אנצוהויבן.עס זיינען דעמאלט גע-גאנגען די פראצעסן אין דאכאו,ווי אויך אין אנדערע שטעט.מען האט באדארפט האבן באווייז-מאטעריאל,און דער עיקר—עדות.עס האט געפעלט די נויטיקע סומע געלט צו אנגאזשירן דעם געהעריקן קוואליפיצירטן פערסאנאל,און לכל הפחות איין אויטא.ווען די אלע מניעות זיינען סוף כל סוף באזייטיקט געווארן,האב איך צוגעצויגן צו'דער ארבעט דעם געוועזענעם אנפירער פון דער פארזארגונג-אפטיי-לונג ביים צ.ק.,מיין פריינד ס.בלומשטיין (ער האט געהאט אן אויטא),א דייטשי-שע סטענאגראפיסטין,פרוי גאטצא און נאך צוויי באאמטע,און עס איז אוועק זייער אן אינטענסיווע ארבעט.

מיר האבן ארגאנידירט א גרויסן פראצעס אין לייפציג-אין דער רוסי-שער זאנע-,וואו מען האט געמשפט 18 פארברעכערס,פון וועלכע 5 זיינען פאראור-טיילט געווארן צום טויט.מיר האבן געזאמלט מאטעריאלן קעגן דייטשן,וועלכע זיי-נען געווען טעטיק אין פארשיידענע לענדער פון איראפע,דער עיקר -אין פוילן, וואס זייערע פראצעסן זיינען פארגעקומען אין דאכאו. אבער ניט געקוקט אויף דעם וואס אונדזער ארבעט האט געגעבן געוויסע רעזולטאטן,בין איך ניט געווען באפרידיקט.מיינע געדאנקען זיינען תמיד געווען וועגן מיין היימשטאט ווילנע.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ווי געפינט מען די מאסן-מערדערס פון ווילנער געטא—מורערן, ווייסן, קיסעלן און אנדערע רוצחים ?

ליידער זיינען געווען צו פיל פארברעכערס ; מ'זאל אלעמען קענען געפינען. האב איך באשלאסן זיך ספעציעל אפגעבן מיט איינעם, מיט דעם אזוי גערופענעם געשפענסט פון ווילנער געטא, שטורעמפירער פון ס.ד. מארטין ווייס. אין יעדן באריכט וועגן ווילנער געטא ווערט דערמאנט די שרעקלעכע געשטאלט פון דעם אומענטש מארטין ווייס. אט ווערט באשריבן ווי ער האט אליין דערשאסן די ווילנער זינגערין לובא לעוויצקי, ווייל זי האט געוואלט אריינברענגען אין געטא א פאר פונט ארבעס. אין א צווייטן ארט ווערט געזאגט, אז ווייס האט אפגעשטעלט א יינגל ביים איבערלויפן די גאס, געפרעגט זיין נאמען, אנגעזאגט אים, ער זאל ווייטער זיין פארזיכטיק, ווייל ער קען געהרגעט ווערן, און אויף מארגן דעם זעלביקן יינגל געשיקט צום טויט.

ווען ווייס פלעגט קומען אין געטא פלעגט אויף אלעמען ציטערן די הויט. מען האט שוין געוואוסט, אז זיין באזוך וועט קאסטן מענטשלעכע לעבנס.
איך האב ניט געקענט רוען. איך האב ווייסן געזוכט טאג און נאכט.
עס איז אבער ניט געווען איינפאך. איך האב באנוצט כלערליי דעטעקטיוו-שפיצלער און איינפאלן, האב אים אבער ניט געקענט געפינען. יארן זיינען פארביי— 1947, 1948, 1949 און עס האט זיך דערנענטערט די צייט צו פארלאזן דייטשלאנד.

די גרויסמאכטן האבן זיך אפגעקילט אין זייער חשק צו באשטראפן די דייטשיטשע קריגס-פארברעכערס. פארקערט, עס האט זיך אנגעהויבן א קאנקורענץ צווישן די מערב-און מזרח-מלוכות — ווער וועט זיך בעסער באציען צו די דייטשן. אין אזא אטמאספער האב איך געפילט, אז קיין גרויסע זיבן זאכן וועל איך שוין ניט אויפטאן. איך האב גענומען צוגרייטן מיקראפילמען פון די וויכטיקסטע מאטעריאלן, וואס איך האב געהאט בדעה ארויסצופירן פון לאנד. מיינע עמיגראציע-פאפירן זיינען שוין געווען צוגעגרייט, און ווייס האט זיך נאך אלץ ניט אפגעזוכט.

אויף איינער פון די פארזאמלונגען פון פארבאנד פון די ווילנער יידן אין מינכען מיט דער באטייליקונג פון אינזש. סעניצקי איז באשלאסן געווארן אז איך זאל פארבלייבן אין דייטשלאנד ביז מ'וועט געפינען ווייסן.
איך בין מסכים געווען. עס איז געבליבן די איינציקע מעגלעכקייט: מעלדן דער דייטשישער קרימינאל-פאליציי וועגן ענין ווייס. ביז דעמאלט האבן מיר דאס אויסגעמיטן צוליב 2 סיבות: ערשטנס האבן מיר ניט געהאט קיין צוטרוי צו דער דייטשישער פאליציי; צווייטנס, ווייס קען געוואר ווערן, אז ער ווערט געזוכט.

צום גליק האבן די פריינד א. סוצקעווער און ש. קאטשערגינסקי ע"ה געפונען אין די ארכיוון פון ווילנע א פאטא פון מארטין ווייס אין זיין אוניפארם. זיי האבן מיר איבערגעשיקט דאס בילד. איך האב פארעפנטלעכט דאס בילד מיט א באשרייבונג וועגן דעם געזוכטן אין דער אפיציעלער פאליציי-צייטונג, וועלכע איז פונאנדערגעשיקט געווארן איבער גאנץ דייטשלאנד.

אין א קליין שטעטל האבן די אנגעשטעלטע פון דער שטאט-פארוואלטונג דערקענט דעם לאנג-געזוכטן געשטאפא-מאן. ער האט געארבעט אין דעם ארטיקן שפיטאל אונטער א פאלשן נאמען—ערנעסט מארטין—. ער איז ארעסטירט געווארן, אבער ער האט געלייקנט, אז ער איז דער פארברעכער. די קרימינאל-פאליציי האט מיך וועגן דעם אינפארמירט. כדי צו זיין זיכער, אז די דייטשן וועלן אים ניט ארויסלאזן, האב איך זיך גלייך געווענדט צו דער אמעריקאנער מיליטער-פארוואלטונג, זי זאל פארארדענען דער פאליציי צו האלטן דעם ארעסטירטן אין תפיסה

ביז מ׳ וועט אים אידענטיפיצירן.עס האט זיך אויך געפונען אן עדות,ח״ טעגאל, וועלכער האט "גוט" געקענט דעם רוצח. מיר זיינען גלייך אוועקגעפארן קיין לודוויגסבורג,האבן פעסטגעזטעלט זיין פערזאן,און דאן איז ער ווידער אריבער-געשיקט געווארן אין תפיסה ביזן פראצעס.

די אמעריקאנער מיליטערישע מאכט האט מיך באאויפטראגט אויסצופארשן וויסן. איך האב געהאט די גרויסע באפרידיקונג צו פאטאגראפירן דעם מאסן-מערדער א געשמידטן אין קייטן,און ווארפן אים אין זיין אכזריותדיקן פנים די באשולדיקונג אין די רציחות וואס ער איז באגאנגען.

שפעטער איז פארגעקומען זיין פראצעס און ער איז פארמשפט גע-ווארן אויף מערערע מאל לעבנס-לענגלעכע תפיסה (די דייטשן האבן צו יענער צייט אפגעשאפט טויטשטראף)

צום באדויערן האב איך מיט מיין ארבעט ניט געקאנט באשטראפן די הונדערטער טויזנטער פארברעכערס,אבער איין זאך האב איך יא בייגעטראגן:

א ווארענונג צו די רוצחים,אז יידיש בלוט איז ניט שטענדיק הפקר!

אייזיק מיידענבוים

ביים וועג וואס פירט קיין פאנאר

סאסנע-וועלדער און אויפן בארג--דער שפיטאל. דער בארג פאלט שטייל אראפ. אין מיינע אומעטיקע געטא-טעג און אוונטן ,איינגעהילט אין טרויער,פלעג איך זיצן ביים אראפפאל פון בארג,באהאלטן צווישן ביימער פלעג איך זען כמעט אלע יידישע פארטיעס געפירטע קיין פאנאר,א מאל אין דער פרי,א מאל ביי טאג.איך זע זיי אזוי נאענט,יעדן פנים.איך,דער לעצטער עדות פון זייער לעצטן גאנג.

איין פארטיע קען איך ניט פארגעסן.אין א 300 מעטערדיקער קאלאנע איז געגאנגען א מוטער מיט א קליין מיידעלע געקליידט אין ווייסן- א ווייס היטעלע,א ווייס מאנטעלע.געווען איז דאס אין א זיינעם ווינטערדיקן טאג. דער שניי האט זיך צונויפגעגאסן מיט דעם ווייס-געקליידטן מיידעלע.זיי זיי-נען געגאנגען אין דער לעצטער ריי. דאס מיידעלע האט שוין ווייטער ניט גע-קאנט גיין,די מאמע האט שוין ניט געקאנט טראגן דאס קינד.און אזוי האבן זיך מאמע און קינד געשלעפט צוזאמען מיט די ליטווישע און נאצישע מערדערס. איך האב געקוקט אין דעם בלויען הימל און געוויינט.אפשר וועט איצט געשען א נס,עס וועט זיך באווייזן א מלאך פון הימל ,און וועט אוועקהויבן דאס קינד פון דעם גרויל און ברענגען עס צו גאט אליין? ניין,קיין נס איז ניט געשען. אפשר איז די מוטער שולדיק ,וואס זי האט ניט געשריען אזוי,אז דער כסא הכבוד זאל זיך א טרייסל טאן ,און ער וואלט זיי דעמאלט אפשר דערזען ? ער האט זיי ניט דערזען.

אלע יידישע קרבנות האבן געהאפט,אז אפשר וועט א נס געשען,אפשר וועט זיך באווייזן א צייכן פון הילף,ווייל אין יענער פינצטערער צייט איז מער ווי גלויבן אין א נס ניט געווען.זאגן היינט יידן און ניט-יידן: פאר וואס האט מען זיך געלאזט פירן צו דער שחיטה אן א ווידערשטאנד ?

איך האב אויך געזען פירן א ניט-יידישע פארטיע,בלויז גויים,פאליאקן. מען האט זיי געפירט קיין פאנאר.אויפן זעלביקן וועג,די זעלביקע ליטווישע באנדיטן האבן זיי געיאגט.זיי האבן מארשירט האפענונגסלאז.זיי האבן זיך גע- קענט אויסמיטן צווישן זייערע שכנים,די פאליאקן,אנטלויפן,און אפשר מאכן אן אויפשטאנד.זיי האבן קיין געלע לאטעס ניט געטראגן.זיי זיינען אבער געגאנגען מיט זייערע פרויען און קינדער.יונגע און אלטע,געזונטע און קראנקע,אלע רעזיג- נירטע.קיין איינער איז ניט אנטלאפן.האב איך געפרעגט מיינע קריסטלעכע מיט- ארבעטער,פארוואס פירט מען זיי? פארוואס לאזן זיי זיך פירן ? דער ענטפער איז געווען,אז דער שונא איז צו שטארק,און מען קען זיך ניט העלפן. מיר קע- נען זיך ניט שטעלן קעגן ארמייען.

די גרופע האט מען באשטראפט,ווייל א ליטווישער פאליציאנט איז דער- שאסן געווארן.די ליטווינער צוזאמען מיט דער געשטאפא האבן ארומגערינגלט דעם זווערינעצער קווארטאל און ארויסגעפירט לערך 500 משפחות.איך,א לעבעדיקער עדות ,האב דאס געזען. פאליאקן האבן מיר אויך דערציילט ווי יידישע קרבנות האבן געקעמפט קעגן די מערדערס : ווען מען האט ארויסגעפירט 4.500 יידן פון די שטעטלעך אין געשלאסענע וואגאנעס קיין פאנאר,און די וועכטערס האבן אויסגעלאדן די וואגאנעס ,האבן די יידן מיט נאקעטע הענט זיך געווארפן אויף די רוצחים,געקעמפט ביז איינבייסן זיך אין די העלדזער פון זייערע פייניקערס. דאס האבן מיר דערציילט מאשיניסטן ,וואס פלעגן ברענגען די קראנקע אין שפי- טאל.זיי זיינען דאן געשטאנען אויף דער סטאנציע פאנאר ,און האבן צוגעזען דעם ניט-גלייכן קאמף פון די אויסגעמאטערטע יידן מיט די באוואפנטע סאל- דאטן.

ווען די מערדערס וואלטן וועלן דערציילן וועגן דער יידישער גבו- רה פון די אומגעבראכטע יידן וואלטן די טענות צו די יידישע קרבנות אויפ- געהערט; מען פארשטייט ניט די אומשטענדן,ביי וועלכע מען האט געפירט צום אומקום. ,,,...........

איך האב געזען ווי מען האט זיי געפירט אויף פאנאר.

!!

גיטל סמאלניק

מיר האבן זיך אויסבאהאלטן און איבערגעלעבט....

די נאכט איז צוגעפאלן.שטאק-פינצטער,ווי אויף אונדזערע הערצער. וואו גייט מען ? מיר גייען שנעל איבער דער באנליניע,גייען אריין צו קא- ראביעצן,א שכן.ווען זיין פרוי האט אונדז דערזען האט זי זיך איבערגעצלמט. "איר לעבט נאך ?" זיי האבן דאך אויסגעהרגעט די גאנצע געטא"... -לאזט אונדז איבערנעכטיקן באטש א פאר נעכט,בעטן מיר זיך ביי איר.זי האט אונדז אריינ- געפירט אין א זייטיקן צימער.אויף מארגן זאגט דער מאן :"איר מוזט אוועק- גיין.עס הענגען דריי קריסטן פאר באהאלטן יידן ".נאך דעם ווי מיר האבן אים פארזיכערט,אז מיר האבן אין דער הוים א פארמאסקירטע מאלינע מיט לעדער און מאנופאקטור,האט ער איינגעוויליקט,מיר זאלן פארבלייבן.

מיר זיינען געזעסן צווישן צוויי ווענט.ביי נאכט פלעגט ער עפע- נען די קיבטיר,עס זאל אריינגיין א ביסל לופט.אך און וויי ווי אונדזער לעבן האט אויסגעזען ! אפגעפינצטערט עטלעכע חדשים האבן מיר פון אונדזער באלעבאס באקומען די בשורה,אז אין ווילנע זיינען שוין קיין יידן ניטא. די נייס האט אונדז געטראפן ווי א דונער אין מיטן העלן טאג.—"ניטא

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] ....

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] ....

[illegible]

[illegible]

זוין מיינע קינדער" –"בליפע ניט,מ'וועט נאך דערהערן",בעט זיך באריס. –זאל מען דערהערן.באריס,העלף מיר,איך וויל שטארבן,מיר האבן ניט צוליב וואס צו ליידן"... – יא,איך גיי מיט דיר.איך א פינצטערער נאכט וועלן מיר זיך לאזן דורך די פעלדער און קליינעם וועלדל גלייך צו דער אזיערע.דער וועג איז דאך אונדז אזוי באקאנט.געדענקסט,ווי די קינדער פלעגן זיך דארטן באדן ?פול מיט פרייד און האפענונגען זיינען זיי געווען... אין דעם זעלביקן וואסער וועלן מיר אונדזער טויט געפינען ".

....

עס זיינען אוועק וואכן.אונדזער באלעבאס באזארגט אונדז מיט צייטונגען .מיר לייענען וועג די מפלות פון די דייטשן.אפשר לעבן פארט אונדזערע קינדער,און מיר וועלן דערלעבן דעם סוף פון דער מלחמה ?...

מ'קלאפט אין טיר.–" זייט שטיל,הוסטן זאלט איר אין קישן.עסן וועל איך אייך היינט ניט געבן ". –"וואס איז?" –"דייטשן האט מען איינגעקווארטירט אין די צימערן ". עס איז זוין דער סוף,קלערן מיר .זיי כאפן מפלות ,זיי טרעטן אפ, די פאנעס פון די קאזארמעס האט מען אראפגענומען.אבער וואס איז די פעולה ? וואס עס איז נענטער צום סוף איז דאך פאר אונדז ווייטער צום לעבן ... ווידער א קלאפ אין טיר!"זיי גייען מיט א גרויסן הונט ".באריס טרייסט מיך : מיר וועלן ניט שטארבן פאר הונגער.זיי וועלן געוויס זיין אין די פראנצ-צימערן,מיר זיינען דאך געבן דער קיך,מ'וועט ניט באמערקן.

אזוי זיינען אוועק עטלעכע טעג.אונדזער לעבן איז געהאנגען אויף א האר.

מיט אמאל––מען שיסט.באמבעס פאלן.היידער ברענען.אין אונדזער צווייטער הויז איז געפאלן א באמבע,אבער ניט אויפגעריסן.קאראביעץ זאגט :"גייט אראפ אין קעלער !מיר וועלן אנטלויפן פון שטוב.איר טארט זיך ניט ווייזן פאר קיינעם .אפשר קומען נאך די דייטשן צוריק ". מיר ליגן אין קעלער האלב-טויטע. פלוצלונג––א גערודער,די רוסן זיינען דא!

4 טעג זיינען מיר נאך אלץ געלעגן אין קעלער.ענדלעך דערזען דאס ליכט פון טאג.ארייגעגייענדיק אין מיין ליכטיקער שטוב איז מיר ווידער פינצטער געווארן. וואו זיינען מיינע קינדער ? ?......

דער אומקום פון די יידן אין פארענש,גראדנער געגנט.

עס איז א טומל אין געטא.די דייטשן האבן צוגענומען ביי די יידן די ארבעט. א שלעכטער סימן.עס קומט צו מאיר דעם רבס."ווייי איז אונדז.עס קלאפט שוין די לעצטע שעה.עס שטייען צוגעגרייט וואגאנעס."אין געטא איז געווארן א פאניק. וואו לויפט מען ?א גרויסע וועלט,אבער פאר אונדז איז ניטא קיין ארט.עטלעכע לויפן אין וואלד.אנדערע––צו קריסטן ,אפשר וועט מען רחמנות האבן.מען האט דאך זיי ,די שכנים אונדזערע,אוועקגעגעבן אזוי פיל גוטס.

די פרויען מיט די קינדער גייען צו די וואגאנעס.איך מיט מיין מאן האבן זיך באהאלטן אין א שטאל אונטער האלץ.דורך די שפארעס זע איך אלץ.די געטא איז לעבן דער באנליניע.איך הער דאס געוויין פון די געטריבענע.לאהקע דעם רבס גייט באלאדן מיט 3 פיצלעך קינדער.איך הער ווי מנחה ,דער יונגער רב,בעט זיך ביי זיין פרוי :"לאמיר לויפן אין וואלד "–"וואס רעדסטו ?וואו וועלן מיר זיך אהינטאן מיט די קינדער אין וואלד ? און ווי וועלן מיר לאזן די מאמען ?אין זע דורך די שפארעס :עטל,נחום בערעזאווסקי מיט די קינדער;אלע אונדזערע גוטע פריינד יאגט מען צו די וואגאנעס.מיר זיינען ווי שטיינער פארגליווערט.באריס זאגט צו מיר : "גיטעלע,האט א ציל אונדזער באהאלטן זיך ?" –– "מיר זיינען טאקע פארמשפט,אבער גיין דעם טויט מקבל פנים זיין וועלן מיר ניט פארזאמען!" די געוויינען ווערן שטילער.די וואגאנעט זיינען אוועק. אזוי האט זיך אויסגעלאשן דאס לעבן פון די יידן אין שטעטל פ א ר ע ט ש.

פרץ מיראנסקי

ס'הענגט אלע טאג...

ס'הענגט אלע טעג א רעגנבויגן דא
און האלט מיט אויסגעדראכטע פארבן.
אין נעכט פארמאך איך מיינע אויגן ~~דא~~
און שוועב אוועק צום לאנד פון שטארבן ...

איך פלי צום אפשיין פון מיין מאמע-לאנד,
אויף האלב פארברענטע, זווערע פליגל
און קום אין האלבנאכט אן אין ליקוי חמה-לאנד,
וואו ס'זטייט און שאקלט זיך מיין וויגל.

נאר אפגעשטאליעט איז דאס וויגעלע,
א ווינט-צעוויגטע און א הוילע
און אונטער ס'וויגל ליגט פארצוקט דאס ציגעלע
פון מאמעס ליד, א קרבן עולה ...

עס בלייבן שטארבנס זיך פון למד וו'ניקעס,
די פראסטע שניידערלעך און בעדער.
און איינגעזוויגן זיינען די סדראווניקעס
אין בליענדיקע עפל-סעדער ...

א בלינדע ליגט דאס צאינה -ראינה- לאנד
מיט שקיעות פלאמיקע פארזאטן,—
און ס'שטיים און מאנט און מאנט, אין יענעם לאנד
מיין מאמעס אויסגעזטרעקטער זאטן ...

איך כאפ מיך אויף, אליין זיך קניפנדיק
און שטעכעוודיק ווערט מיין געלעגער ...
איך הער אין מיר ארומגיין כליפענדיק
די אייביק ווייסע וואסערטרעגער ...

און ט׳רויסט א ווינט און רוימט איין יעדערן :
דער גאט פון רחמים און פון אהבה
האט אויסגעצופט די טענסטע פעדערן
פון אונדזער גינגאלדענער פאווע ...

ס׳ הענגט אלע טעג א רעגנבויגן דא,
וואס העלט מיט אויסגעדוכט פארבן .
....
ביי נאכט פארמאך איך מיינע אויגן דא
און טראכט, ווער וועט מיין טרויער ארבן ?

???????????????????????????????????????

דער חבר פרץ מיראנסקי איז איינער פון דער טראגיש-ווייניק פארבליבענער גלאררייכער גרופע "יונג ווילנע". פאעט און מזלים-שרייבער. וואוינט איצט אין טאראנטא, קאנאדע.

אין זיין בריוו צו אונדז שרייבט ער:
ליבע חברים, איך שיק אייך א ליד פאר אייער שריפט.
...געשטארקט זאלן זיין די הענט פון די, וואס זיינען זיך מתעסק אין ענין פון ניט לאזן פארגעסן ווערן א היליקע עדה און א וואונדערלעכע שטאט.
איך בין מיט אייך מיט הארץ און נשמה. אייער פרץ מיראנסקי

א הארציקן דאנק אייך פאר אייער פיינעם בייטראג צו אונדזער יזכור-שריפט. די רעדאקציע.

ליבע אוגענפעלד

די קינדערהיים אין ווילנער געטא

וועגן דעם יתומים-הויז אין ווילנער געטא, די אזוי גערופענע קינדערהיים איז כמעט גאר ניט באוואוסט. אויך די וואס האבן איבערגעלעבט די געטא האבן ווייניק געהערט וועגן אזא אנשטאלט, ווייל די היים איז געווען א האלב-לעגאלע אינסטיטוציע אין געטא, שטענדיק אויסבאהאלטן פון זייטיקע אויגן. עס האבן זיך דארטן געפונען קינדער, וועלכע האבן לויט אלע אויסרעכענונגען פון די דייטשן שוין דאן אפילו, אין די ערשטע טעג פון געטא, ניט געהאט קיין רעכט צו לעבן, ווייל זייערע עלטערן זיינען שוין געווען אומגעבראכט. דעריבער האט די געזונט-היים-אפטיילונג ביים יודנראט, אפיציעל גערופן דעם יתומים-הויז מיט אן אנדער נאמען.

די לערערס און דערציערס אין געטא, וועמען עס איז יא געווען באקאנט די היים, האבן זי אבער געקענט אין דעם שפעטערדיקן צושטאנד, ווען זי איז געווען א גוט ארגאניזירטע אינסטיטוציע, אבער ניט אין דעם סאמע אנהויב פון איר אנטשטיין, ווען די געטא אליין איז געווען אין כאאס.

איך האב אנגעהויבן צו ארבעטן אין קינדערהיים ביים אנהויב פון איר אנטשטיין. איך האב דארטן שטארק ניט געוואלט ארבעטן, ווייל איך האב געוואוסט אז איינציקע פון מיינע חברטעס האבן ניט אויסגעהאלטן מער ווי געציילטע טעג. אבער מיין פאטער (ישראל מהרשק, לאנגיאריקער לערער און פארוואלטער פון א יידיש-וועלטלעכער שול אין ווילנע פאר דער מלחמה. רעד.) האט מיך זייער שטארק צוגערעדט דערצו. ער האט געהאלטן, אז יעדע ארבעט אין געטא, ספעציעל אויב מ׳קען ברענגען הילף צו די קינדער, איז פיל וויכטיקער ווי ארבעטן אויסערן

[illegible]

געטא,אפילו אויב די ארבעט ביי די דייטשן האט געגעבן א מעגלעכקייט אריינצובערענגען פון צייט צו צייט עטוואס שפייז.אזוי האב איך אין אנהויב אומגערן אנגעהויבן ארבעטן אין קינדערהיים,און אויסגעהאלטן דארטן די גאנצע צייט פון געטא,כמעט ביז דעם טאג פון איר ליקווידאציע.

איך געדענק דעם ערשטן טאג ווען איך בין געקומען צו דער ארבעט.
דאס איז געווען א טאג אין סוף נאוועמבער 1941.געפונען האט זיך דער לאקאל ערגעץ אין א פארווארפענעם ווינקל אויף דעם שפיטאל-הויף,און גערופן האט מען דאס מיט דעם פוילישן נאמען "זשלאבעק".

דאס בילד וואס איך האב דערזען ווען איך בין אריבער די שוועל וועל איך געדענקען כל זמן איך וועל לעבן :עס זיינען דארטן געווען דריי צימערן. אין יעדער צימער צו 3 אדער 4 בעטן.אויף די בעטן—אן מאטראצן —זיינען געווען פארשפרייט גרינע,הארטע צעראטעס.און אויסגעלייגט אין רייען,אין דער ברייט פון בעט זיינען געלעגן פינף אדער זעקס קינדערשע גופימלעך צוגעדעקט מיט שמאטעס .די קינדער זיינען געלעגן כמעט אן לעבן ,אויסגעדארטע סקעלעטן. אבער ווי נאר זיי פלעגן דערפילן,אז מ'טראגט אריין אן עמער מיט זופ,אדער אן אנדער שפייז,פלעגן זיך אויפהויבן קינדערשע קעפלעך,און דארע הענטלעך פלעגן זיך אויסשטרעקן צום עסן.

זעלטן ווער פון די קינדער האט געקענט ריידן,און אויב עמעצער פון זיי האט עס יא געקענט פריער ,האט דאס קינד מיט דער צייט עס פארגעסן,ווייל קיינער האט צו אים נים גערעדט....

פון וואנען האבן זיך די קינדער גענומען ? די מערסטע פון זיי זיינען געקומען פון די שטאטישע פינדל-הייזער.ווען די דייטשן האבן פארנומען ווילנע האבן זיי ארויסגעווארפן די יידישע קינדער פון די שטאטישע יתומים-הייזער און זיי אריינגעווארפן אין יידישן שפיטאל —נאך אידער די געטא איז געשאפן געווארן —.אין יענע טעג פון כאאס און מורא,ווען יעדן טאג זיינען געקומען נייע באפעלן און גזירות,איז פשוט ניט געווען קיין פערסאנאל וואס זאל זיך מיט די קינדער פארנעמען. די וואוינונג-באדינגונגען זיינען געווען אומדערטרעגלעך. בהדרגהווייז איז די גרופע קינדער אלץ שוואכער געווארן פיזיש און איז אויך געווארן גייסטיק אפגעשטאנען . אפילו שפעטער,אין משך פון צוויי יאר געטא האט זעלטן עמעצער פון זיי גוט גערעדט.ליידער האט זיך די צאל קינדער פון דעם "זשלאבעק" זייער שנעל אנגעהויבן צו פארגרעסערן.עלטערן זיינען אומגעקומען ביי פארשיידענע אקציעס.קינדער,וואס האבן זיך אויף פארשיידענע אופנים געראטעוועט,זיינען געבליבן יתומים,און ס'איז פאר זיי קיין אנדער ארט ניט געווען אחוץ דעם קינדערהיים.

נאך די אקציעס פון די געלע שיינען האט זיך די געטא אנגעהויבן צו סטאביליזירן. פון דעם כאאס איז ארויסגעקומען א גוט-ארגאניזירטע סאציאלע הילף ביים יודנראט און דער אנשטאלט איז אריבער צו דער אפטיילונג פון קינדער-פארזארגונג,אנגעפירט פון דער באקאנטער ווילנער קינדער-דאקטאר ראזע שאבאד-גאווראנסקי.

נאך עטלעכע וואכן האט זיך גענומען מערקן גרויסע ענדערונגען אין דעם אנשטאלט.ער האט זיך שוין גערופן קינדערהיים.ס'איז פארגרעסערט געווארן דער פערסאנאל און מיר זיינען איבערגעצאגען אין א נייעם לאקאל,אויך אויפן שפיטאל-הויף ,קעגנאיבער דעם מתים-שטיבל.ס'איז געווען זייער ענג, ווייל די צאל קינדער האט זיך שטארק פארגרעסערט.אבער די צוגעקומענע קינדער זיינען שוין געווען אנדערע: זיי זיינען געקומען פון נארמאלע היימען וואס האבן נאך ביז מיט א קורצער צייט צוריק געהאט א היים,און האבן געדענקט די ליבשאפט פון עלטערן.

פון דער אריגינעלער גרופּע קינדער איז שוין ווייניק געבליבן. פיל זיינען במשך פון די עטלעכע וואכן געשטארבן, און ניט איין מאל, קומענדיק אין דער פרי צו דער ארבעט, האב איך געמוזט א טויט קינד ארויסטראגן אין מתים-שטיבל. אבער די, וואס האבן די טראגישע צייט אויסגעהאלטן, האבן זיך ביסלעכווייז געשטעלט אויף די פיס און האבן אנגעהויבן אויסצוזען ווי קינדער.

די פארוואלטערין פון קינדערהיים איז געווארן די לערערין מאניע לעווי (א געוועזענע לערערין אין א יידישער שול פאר דער מלחמה. רעד.). זי האט מיט גרויס ליבשאפט און מסירת נפש זיך איבערגעגעבן דער ארבעט. אין יענעם ערשטן ווינטער פון געטא, אין דעם ווינטער 1941–1942 האבן מיר באקומען א נייעם שיינעם לאקאל. דאס איז געוועזן ר' שאולקעס קלויז אויף שפּיטאלנע נומ' 1. דער לאקאל איז עקסטרא געווארן רעמאנטירט, די אריגינעלע קלויז מיט דער בימה איז געוועזן דער זאל, אין דער ווייבער-שול זיינען געוועזן די שלאף-צימערן פאר די מיידלעך. אין די זייטיקע צימערן זיינען געשלאפן די קלענערע קינדער, און אין א ספעציעלער דירה זיינען געמאכט געווארן די שלאף-צימערן פאר די יינגלעך. ס'איז אויך איינגעארדנט געווארן א גוטע קיך מיט געשיר און אלע נויטיקע מכשירים. ניט איין מאל פלעגט די טויער-פאליציי אונדז געבן א ביסל שפּייז, וואס זיי פלעגן צונעמען ביי די מענטשן ביים טויער.

דאס אריבערציען זיך אין נייעם לאקאל איז געוועזן א גאנצע עפּאפּייע. עס האט געדויערט א פאר וואכן. אלע קינדער זיינען דורכגעגאנגען א קאראנטין. אלץ און אלע זיינען געוואשן און געשייערט ווי פאר פסח. אין דער נייער היים איז די ארבעט אוועקגעשטעלט געווארן אויף א גוט ארגאניזירטן אופן. דער פערסאנאל איז באשטאנען פון קראנקן-שוועסטערס פאר די קליינע קינדער, א פרעבעליסטין פאר די גרעסערע. די עלטערע זיינען געגאנגען אין די געטא-שולן. א שטענדיקע לערערין און די פארוואלטערין האבן זיך פארנומען מיט די קינדער אין די שעהען נאך דער שול און זיי געהאלפן צוגרייטן די היימארבעט.

אין די צווייי יאר, וואס די קינדערהיים האט עקסיסטירט, זיינען פארגעקומען קליינע שינויים. מיט דער צייט זיינען די עלטערע קינדער איבער 14 יאר אריבערגעשיקט געווארן אין אנדערע אנשטאלטן וואס זיינען דעמאלט געשאפן געווארן. די מיידלעך — אין א מיידל-אינטערנאט, און די יינגלעך אין אן ארבעט-בריגאדע און פאכקורסן. עס זיינען געוועזן קינדער-פארשטעלונגען. מען האט זיך געפרייט ווען א קינד האט אנגעהויבן ריידן פארשטענדלעך. מען פלעגט זיך ארומטראגן מיט יעדער חכמה פון א קינד ווי מיט אן אוצר. איך דערמאן זיך ווען די פארוואלטערין האט איין מאל געבראכט 40 פאר שיך פאר די קינדער איז צו זייער פרייד קיין גרענעץ ניט געוועזן.

עס זיינען געוועזן מאמענטן פון מורא: ווען מען פלעגט הערן, אז מ ו ר ע ר איז אין געטא, פלעגן זיך די קליינע קינדער באהאלטן אונטער די בעטן, און מען האט זיי קוים געקענט ארויסשלעפן.

די טרויעריקסטע צייט פאר אונדז איז געוועזן נאך אן "אקציע", ווען מ'פלעגט ברענגען אין קינדערהיים נייע קינדער, ספעציעל אין פרילינג 1943, ווען 5.000 יידן פון ווילנער פראווינץ זיינען אנשטאט קיין קאוונע אוועקגעפירט געווארן קיין פאנאר. אונדזער אנשטאלט איז איבערפולט געווארן מיט וואונדערלעכע קינדער וואס זיינען אנטלאפן פון פאנאר. זייער דערשראקנקייט, זייער מורא געדענק איך נאך היינט. זייער לעבנסלוסט און קינדערשע פריידיקייט איז פאר אונדזערע אויגן אויסגעלאשן געווארן, ניט געקוקט אויף אונדזערע אלע באמיאונגען.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

בײַ דער ליקווידאַציע פון געטאָ בין איך שוין אין ווילנע ניט געווען.

איך וויל בלויז זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פּאַרוואַלטע-רין מאַניע ל ע ו ו י. זי איז געווען ווי אַן איבערגעגעבענע מאַמע צו די קינדער. זי האָט פון קיין פּערזענלעכן לעבן אַחוץ די קינדער ניט געוואוסט. ווען אין געטאָ פלעגט ווערן אומרואיק, און זי איז גראָד אין יענעם מאָ-מענט געווען אין גאַס, פלעגט זי מיט אַלע מיטלען זיך באַמיען אַנצוקומען אין קינדערהיים צו זײַן מיט די קינדער.

די קינדער האָבן איר אָפּגעצאָלט מיט דער זעלביקער ליב-שאַפט און געטרײַשאַפט.

בעת דער ליקווידאַציע איז מאַניע לעווי אַוועק מיט זיי צוזאַמען.

זי האָט אירע קינדער ניט פאַרלאָזן אויף זייער לעצטן וועג.

:::

יצחק ברעגמאַן

מײַן מאַמע וויינט צו מיר

מײַן ברודער רעדט צו מיר
פון קבר –
דו האָסט אונדז ניט באַוואַכט
ניט באַוואַכט...

מײַן שוועסטער שרײַט צו מיר
פון קבר –
וואו ביסטו דאַן געווען
דאַן געווען...

מײַן מאַמע וויינט צו מיר
פון קבר –
דו האָסט זיי ניט פאַרהיט
ניט פאַרהיט ...

מײַן טאַטע בלוטיקט שטום
בלוטיקט שטום —
איך בין שוין ניט געווען
ווי האָסטו זיי פאַרזען ...

וואָס דיר מאַמע זאָגן
וואָס דיר מאַמע זאָגן –
כ'האָב אײַך ניט פאַרהיט
ניט פאַרהיט...

און פאַריתומט בין איך
און פאַרוואָגלט בין איך,
און אַלץ וויינט עס אין מיר
נאַגט און נאַגט באַקלאַגט

און פאַרשטשעמט צעריסן
איז מײַן האַרץ פון ווי –
פון די שוידער טויטן
הער איך אײַער געשרײ

פון פאַרפּײַניקט געבײן
אײַער ביטער געוויין
– – – – – – – – – – – – – –
– – – – – – – – – – – – – –

בעט איך רחמים רחמים
– – – – – – – – – – – – – –
און ניטאָ קיין רחמים
– – – – – – – – – – – – – –

טראָג איך דעם גרויל אַליין
פון מײַן ברודערס פּײַן
פון מײַן שוועסטערס געשרײ
פון מײַן מאַמעס געוויין
– – – – – – – – – – – – – – –

דער חבר יצחק ברעגמאַן איז אַ גראַדואַנט פון דעם ייִדישן לערער-סעמינאַר, אויך פון אַ העברעאישן לערער-סעמינאַר אין ווילנע. ער איז געווען אַ לערער אין אַ ייִדישער שול אין ווילנע פאַר דער מלחמה. ער וואוינט איצט אין מאָנטרעאַל.
דאָס פּײַן, שטימונגספול ליד דרוקן מיר מיט חברשער אָנערקענונג צום מחבר די רעדאַקציע.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

סימא דאוואנג

ש ו ל יום טובים אין געטא

מיר,די געטא-לערערס ,פלעגן זיך באמיען אפט צו מאכן יום טובים פאר די לעבנגעבליבענע קינדער.מיר האבן זייער גוט פארשטאנען ווי ווי גרויס די געפאר איז,ווי ווייניק מעגלעכקייטן עס איז אלעמען געבליבן צו דערהאלטן זיך ביים לעבן ביז די באפרייאונג וועט קומען.

האבן מיר געוואלט צוזאמען מיט אונדזערע קינדער געניסן וואס מער,זען וואס מער שיינעס,וואס מער פון דעם אלץ וואס גרויסע,קלוגע מענטשן האבן געשאפן.מיר האבן אויך געוואלט,אז זיי זאלן פארשטיין די וויכטיקייט פון אנטקעגן שטעלן זיך דעם שונא,פון ניט לאזן זיך ארויספירן פון געטא אין די טויטן-לאגערן,פון העלפן צוגרייטן אן אויפשטאנד.מיר האבן געפרואווט איבערצייגן,אז אין קאמף וועט א סך געלינגען זיך דורכצורייטן צו די ארומיקע וועלדער,וואו מען וועט פירן א פארטיזאנען-קאמף.און מיר-היינט אזוינע געפייניקטע -וועלן מארגן קעמפן מיט די מעכטיקע דייטשן.

א סך פון די קינדער האבן מיטגעהאלפן אין דער צוגרייטונג-ארבעט.א סך פון זיי זיינען ארויס דורך פארשיידענע וועגן פון געטא איו די וועלדער אריין צו די פארטיזאנער.א סך פלעגן העלפן אריינברענגען געווער פון שטאט אין געטא,ריזיקירנדיק דערביי מיט זייער לעבן.

שווער,זייער שווער איז געווען דאס לעבן אין געטא,און נאך שווערער איז עס געווען פאר די קינדער.האט נאך ווער פון זיי געהאט דאס גליק צו האבן וועמען פון די עלטערן -פלעגט עס נאך באקומען א מאל א גלעט,א שמייכל,אווארעמען טעלער עסן.די עלנט געבליבענע קינדער,וועמעס עלטערן זיינען שוין לאנג צוגענומען געווארן צום טויט,פלעגן מוזן זיך באזארגן אליין אי דאס עסן,אי דאס איבערגעוואשענע העמדל,האט מען באדארפט זיי העלפן ,געבן פארטיקע שפייז,זען,אז מען זאל זיי פון זייער געלעגער ניט פארטרייבן,לערנען מיט זיי אין שול און געבן זיי כאטש א ביסל פרייד,מאכן זיי זינגען און לאכן ,אריינגעבן אין זיי דעם גלויבן ,אז עס קען נאך א מאל זיין גוט און שיין.

אט צוליב דעם פלעגן מיר זיך באמיען צו מאכן אפט יום טובים. צוויי יאר זיינען מיר געווען אין געטא,האבן מיר סדרים געפראוועט מיט בוריקעס-ראסל אנשטאט וויין,און מיט הייסע האפענונגען ארויסצוגיין פון אונדזער קנעכטשאפט האבן מיר פורים אונדזערע המנס געקלאפט,ביי אונדזערע סיומים זיך געפרייט מיט די דערגרייכונגען אין די למודים.

איינער פון די גרעסטע פייערלעכקייטן איז געווען דער אוונט וועגן חנוכה.נאך א צייט פאר חנוכה האבן מיר געפירט שמועסן מיט די קינדער וועגן דעם קומענדיקן יום טוב.מיר האבן זיי דערציילט וועגן דער אמאליקער העראישער צייט ,וועגן דעם רעוואלט פון די חשמונאים,ווען א קליין הייפעלע האט זיך געשטעלט קעגן דעם מעכטיקן שונא.די קינדער האבן אזוי גוט פארשטאנען,אז א מעגלעכקייט צו זיגן איז נאר דאן ווען מען וואגט.אז שטאלץ, איינקייט און דרייסטקייט זיינען דאס נויטיקסטע צום זיג.בלויז אזוי קענען נסים געשען.

עס האבן זיך אנגעהויבן די הכנות צום יום טוב.די מאלער-סעקציע האט געמאלט דעקאראציעס,די טאנצגרופע האט געגרייט א חשמונאים-טאנץ די סעקציע פון האנטארבעט האט געמאכט די קאסטיומען(וויפיל שוועריקייטן ביים אויפשלעפן די נויטיקע מאטעריאלן,אז אפילו די שווערדן צו מאכן האט

מען קיין האלץ ניט גרינג ׳געפונען.האלץ איז געווען אזא קאסטבארע זאך אין געטא און פאפיר ?...) . דער כאר און די דעקלאמאציעס,און דאס וויכטיקסטע :די קאלעקטיוו-געשאפענע פיעסע-די מכבייער אין געטא—אין וועל-כער מען האט געפילט די המשכדיקייט פון דער יידישער געשיכטע,געם גע-ראנגל פון פאלק פאר זיין קיום,זיין רעוואלט,און געזען אין דעם א האפענונג צו ציען ווייטער די גאלדענע קייט פון אונדזערע פארגייערס.

סיין זיינען געווען די קינדער מיט זייערע צעשטראלטע פני-מער ,פול מיט אויפרעגונג און אויפריכטיקן פארלאנג צו זיין א ביישטיי-ער צום אלגעמיינעם דערפאלג. ווי גרויס איז דאן געווען זייער שמחה, ווען מיר האבן זיי געטיילט "חנוכה-געלט" -א העפט,א בלייפעדער(דאן זיי-נען דאס געווען אזוינע גרויסע אוצרות !).

די שול-יום טובים זיינען געווען ליכטיקע,אומפארגעסלעכע

מאמענטן, יעדער איינער האט געוואלט בייזיין א שול-יום טוב כדי זיך אפצופריסן אין אן אוונט פון קינדערשער עקזאלטאציע.

זיי זיינען ניטא,אונדזערע קינדער פון די געטאס.אין דע-מאלטיקן געראנגל זיינען זיי געפאלן.

בלויז א גאר קליין הייפל זיינען זיי דורך ניסים געבליבן...

סימא דאוואנג

מיט צוואנציק יאר צוריק;
די לעצטע נאכט צוזאמען מיט זיי...

עס האט אנגעהויבן צופאלן די נאכט.דער מהומוחדיקער ארויפגע-יאג פון טאג האט זיך איינגעשטילט.די שטילע ווענט ארום דעם מגושם-דיקן ברייטן גרוב,זיינען פארוועבט מיט איינגעהויקערטע טונקעלע קנוילן. עס טריפט א רעגן .דער דעק פון גרוב גלאנצט פון דעם וואסער.די ווענט זיינען בלישטיק ליימיק.די מאסע איז אזוי איינגעקנאדערט איינער אין דעם אנדערן,אז מען האלט זיך אויף.יעדער האט זיך אריינגעגראבן סי-פער אין זיין ארט פון בארג.מען איז איבערגעדעקט איבערן קאפ,ווער אליין,ווער מיטן רעשט געבליבענעם פון משפחה,פריינד.

מען האט זיך באמיט דעם גאנצן טאג איינצוזאמלען צוזאמען. דאס ביסעלע צוזאמען.דער רעגן קלאפט אין דעם צודעק-דאך פון מאנט-לען.עס איז קאלט און דאך וארעמט דער אטעם פון צווייטן.

מיר זיינען אפגעזונדערט פון אלץ און פון אלעם.מיר פיר.מייטע, סולמינקע,עלקע און איך.סולמינקע האלט מיך ארומגענומען מיטן קאפ אויף מיין שויס.איך בין איינגעטוליעט אין מייטעס שויס.זי וואַרעמט אירע הענט אויף מיין האלדז.מיר ליגן שטיל.

פלוצעם געשרייען.מיר קוקן ארויס.פייערן רונד ארום דעם גרוב. און ביים סאמע ראנד אויסגעשטעלטע קוילנוואַרפערס.ווען האט מען עס צעלייגט די ריזן שייטער הויפנס ?. ווען מיר זיינען געווען איינגע-זונקען אין זיך.ניט געהערט ווי מען פירט אויף די גרויסע דילעס-קלעצער,ווי עס טארן זיך צו די זעלנער מיטן געוועהר.

דאס פייער קנאקט און פייער-פונקען שפריצן הויך.אלע קוקן ארויס פון אונטער די שמאטעס.די אויגן שטאר.זיי האבן עס אפילו ניט מורא

[illegible]

פאר א לופטאנגריף ? אזוי זיכער זיינען זיי אין זיך.אזוי גייט עס זיי אלץ אומגעשטערט.קוילן-ווארפערס.מיט די קוילן-ווארפערס דא אויף אן ארט ?

די שווארצע סילועטן פון די זעלנערס וויגן זיך ,וויגן זיך און דאך שטייען זיי גלייך.שטום.ווען ? באלד ? איצט ? שולמינקע קוקט אין מיר מיט אירע גרויסע,גרויסע שווארצע אויגן.די פייערן שפיגלען זיך אפ אין זיי;אין איר נאסן פנימל."מיר זיינען דאך צוזאמען,מיידעלע "...זי טוליעט זיך.עס איז אזא שטילקייט ארום,אז די פלוצעמדיקע געשרייען פון אנקומענדע מענער,דארטן אויבן ביי די פייערן -האבן אויפגעריסן די לופט.אלע,אלע האבן אנגעהויבן מיט א מאל צו טרייען און רופן.

דאס זיינען געווען א גרופע יידן פון הינטער דער וואנט,וואו עס האבן זיך געפונען די אלע אפגעטיילטע מענער.מען האט זיי געהייסן אויפפירן דעם געהילץ.זיי האבן גערופן זייערע פרויען,קינדער,משפחה.- האט די גאנצע גרוב ,טויזנטערס,אנגעהויבן צו פרעגן זיי וועגן די אייגענע פון הינטער דער וואנט.איבערגעשרייען.נעמען.נעמען.איז דא ? האט איר געזען ? האט איר אויך קוילן-ווארפערס ?

אזא געפיל פון נאך ניט אפגעריסנקייט פון דער וועלט.אט איז נאך עמיצער דא פון יענער זייט.הער איך דארטן אויבן א באקאנטע שטים פון חיים סטאליצקי.ער רופט : "מאלינקע ,מאלינקע "...ער האט פארשטאנען, אז דער מאמעס נאמען האבן געקענט זיין נאך, אבער איר נאמען איז דער איינציקער .זי איז דאך א נאמען נאך דער מאלינע אין ועלכער זי איז געבוירן געווארן—שרייט פרוי סטאליצקי,—"מיר זיינען דא.מיר זיינען דא אונטער דיין שטימע.קענסט אפשר אריבערברענגען פאר מאלינקען עפעס א צודעק ...עס איז איר קאלט "..ע"כ וועל,ריר זיך ניט פון ארט"...וואו זאל זי זיך רירן ?...

זיי זיינען אוועק.ווידער האט מען זיך איינגערואיקט.ווען זיי זיינען צוריק געקומען ,האט ווידער אויסגעבראכן דער זעלבער טומל.אין איבער מיין קאפ פליט עפעס.און הענט,אזוי פיל הענט כאפן עס...און חיים טרייט : "האסט געכאפט ?צוגעדעקט מאלינקען ?.. און א שטילער טלוכץ פון איר —"יא,א "...איך ווייס ניט צי מאלינקע איז יענע נאכט פארקילט געווארן אן דער מאמעס פלינקייט צו כאפן דעם צודעק,צי זי איז אומגעקומען צוזאמען מיט אלע די יעניקע...

ווידער שטיל.מער זיינען זיי טוין ניט געקומען.מיר ליגן האלבזיצנדיק און לאזן זיך בארעגענען.אבי צו זען דעם פייער.די פונק ן טיפען.עס שמעקט מיט סמאלע און מיט א ווייטן גערוך פון וואלד און פרילינג,און מיינע יונגע פריידן.און מייטע גלעט מיר איבערן קאפ. איך ווייס ניט צי זיינען עס שווערע רעגן-טראפנס ,אדער אירע טרערן. וויינסט ? -זאגט זי אזוי שטיל- דו אויך פילסט,אז ס'איז אונדזער לעצטע נאכט צוזאמען ? "...

פסח גאלדבערג

דער מארש דורך די קאנאלן

ווען די דייטשן זיינען אריין אין ווילנע האב איך געארבעט אין פארשיידענע פלעצער.מיין פרוי און איך האבן ניט באקומען קיין געלע שיינען.בעת דער אקציע האבן מיר זיך אויסבאהאלטן אין געטא,אויף דיסנער 4 , אין א קעלער,אין א בעקערשן אויוון-איך קוימען.די דייטשן האבן זיך אריינגעריסן אין קעלער,האבן אים באלויכטן.אונדזערע פיס האבן זיך ארויסגעזען, אבער,צו אונדזער מזל,האבן זיי עס ניט באמערקט,און מיר זיינען דערווילע

ניצול געווארן.אבער אין געטא האבן מיר ניסט געקענט פארבלייבן,ווייל די
יידן מיט ווייסע שיינעז זיינען געווען פארמזפס צום טויט,און די וואס
די דייטשן האבן צייטווייליק געלאזט לעבן האבן ניט געטארט[אונטער דער
דראונג פון טויט,ניסט וואוינען מיט יענע,אדער אויסבאהאלטן זיי.האבן מיר
פארלאזן די געטא און אוועק ארבעטן ביי טארף אין ביאלא וואקא.דארטן איז
אויך געווען אן אקציע. 65 יידן האט מען דערשאסן,צווישן זיי -מיין ברודער
מיט זיין פרוי.אין 1943 האט מען ליקווידירט דעם טארפלאגער,די לעבנגעבלי-
בענע האט מען אוועקגעפירט צוריק אין ווילנער געטא, און פון דארטן —קיין
פאנאר.מיר זיינען ווידער אנטלאפן פון געטא.ווען די דייטשן האבן אויסגע-
פונען,אז מיר זיינען אנטלאפן,האבן זיי ארעסטירט מיין שוואגער מיט זיין
פרוי,און האבן געפאדערט,אז מיר זאלן צוריק קומען.זיי האבן צוגעשיקט א
יידישן פאליציאנט—בערל צוקערניק איז געווען זיין נאמען-.מיר האבן זיך
צוריק געקערט אין געטא,און מיינע קרובים האט מען באפרייט.מיר דוכט,אז
זיי האבן זיך אויסגעקויפט.

מיר האבן באשלאסן צו מאכן א גוטע מאלינע.מיר האבן אויסגעגראבן
א קאנאל אונטער א קרעמל אויף רודניצקער גאס .דער קאנאל איז ארויסגעגאנ-
גען אויסערן געטא.דארטן האבן מיר זיך אויסבאהאלטן אויף דער "אריסער"
זייט ווען עס פלעגט פארקומען אן אקציע אין געטא.

דעם 23 סטן סעפטעמבער 1943 איז פארגעקומען די פולע ליקווי-
דאציע פון געטא,איז געקומען צו אונדז א ווילנער בעקער—איציק ביעליץ—
און האט מיר געזאגט,אז א גרופע פארטיזאנער ווילן זיך דורכרייסן צו דער
רודניצקער פושטשע(א געדיכטער וואלד).ער וויל איך זאל זיין דער וועגוויי-
זער,ווייל מיר איז דער וועג געווען גוט באקאנט.מיין פרוי און איך האבן
זיך אנגעשלאסן אין דער **גרופע**.אבא קאוונער איז געווען אונדזער קאמאנדיר.

מיר האבן זיך אראפגעלאזן אונטער דער ערד אין די קאנאלן.
אונטער די שמאלע געסלעך,וואו די רערן זיינען געווען שמאלע,איז געווען
אוממעגלעך צו גיין.מ'האט געמוזט פויזען אויף די **קני** אין דעם שרעקלעכן
שמוץ און אפפאל,מיט כמארעס גרויסע ראצן ארום אונדז. 7.30 אין אוונט זיי-
נען מיר ארויס פון די קאנאלן אויף ניקאדעמסקי גאס .מיר האבן זיך דעמאלט
אפגעטיילט פון דער גרופע.די איבעריקע זיינען אוועק צו די פינפטלעך.איין
פינפטל איז דורכגעפאלן,און מען האט זיי אויף מארגן אין דער פרי אויפגע-
האנגען.איך געדענק בלויז א פאר נעמען זייערע.איינער האט געהייסן כוואי-
ניק,דער צווייטער—קאפלאן.מיר זיינען ביידע אוועק דורך סובאטש-גאס צו
א קריסטין,זיך איבערטאן און איבערנעכטיקן.אויף סובאטש גאס האט זיך אנג
הויבן א שיסעריי.אין דער מהומה איז מיין פרוי פארלארן געגאנגען,און
איך האב זי ניט געקענט געפינען.איך האב אבער ניט פארלארן די האפענונג,
אז כ"וועל זי געפינען.אויף מארגן אין דער פרי בין איך אוועק אין קייליס.
דארטן איז געווען א לאגער-פאבריק ,וואו עס האבן געארבעט יידישע פוטער-
ארבעטער.

די ארבעטער האבן מיך אריינגענומען.איך האב זיך אפגע-
רוט און בין אוועק זעכן מיין פרוי.נאך צען טעג ארומזוכן,וואס איז גע-
ווען פארבונדן מיט לעבנס-געפאר,האב איך זי געפונען.

אין יענער צייט איז נאך פארבליבן א לאגער אויף סובאטש
(אין די אזוי גערופענע "נייע זדאניעס")וואס האט זיך גערופן ה.ק.פ.
דארטן איז געווען מיין שוועסטער מיט אירע קינדערלעך,און מיינע א קוזי-
נע.זיינען מיר אריין אין דעם לאגער.דארטן האב איך זיך ווידער אנגעשלא-
סן אין א פארטיע,וואס האט זיך געקליבן צו גיין אין וואלד.די **גרופע**

איז באשטאנען פון אומגעפער 100 מענטשן .פארבינדונגען מיט די פארטיזאנער
האבן מיר געהאט.אפט מאל פלעגט קומען צו אונדז פון וואלד סאניע מאדייסקער.
מיר האבן שוין געמאכט אלע צוגרייטונגען,און זיינען געווען גרייט ארויס-
צוגיין.מיר האבן זיך אבער ניט געקענט באשליסן אויף אזא שריט,ווייל מיט
אונדזער אוועקגיין וואלטן די רוצחים אומגעבראכט אלע יידן פון ה.ק.פ.

א סך פון דער פארטיע האט געהאט משפחה אין לאגער,אלע יידן האבן זיך
געפילט ווי איין משפחה,נאך דעם ווי מיר זיינען אזוי ווייניק פארבליבן.
מיר האבן אזוי געצויגן מיטן ארויסגיין ביז מיר זיינען געווארן ארומגע-
רינגלט מיט נאציס.מיר האבן אויף שנעל געמאכט א מיטינג און באשלאסן,אז
מיר שטעלן ניט קיין ווידערשטאנד,און מיר׳באהאלטן זיך אין די מאלינעס,
וואס זיינען געווען צוגעגרייט פון פריער.איך געדענק די נעמען פון איני-
אנפירערס: דוד ראזנפעלד,פסח וואלק.

אין לאגער ה.ק.פ. איז געווען איינער א ייד,וואס האט געדינט
דער געשטאפא.זיין נאמען איז געווען היקי דרעזין.ער האט ,ווייזט אויס,
זיך דערוואוסט פון דער מאלינע מיטן קאנאל ,און האט דאס ארויסגעגעבן די
דייטשן.אין מאלינע האבן זיי מורא געהאט אריינצוגיין,,האבן זיי אריינגע-
ווארפן גראנאטן,און אלע זיינען דארטן אומגעקומען.איך האב מיט מיינע הענט
מקבר געווען פסח וואלקן און אן אומבאקאנטע פרוי.

אונדזער מאלינע,וואו עס זיינען געווען 22 מענטשן,האט אויסגע-
האלטן,און מיר זיינען ארויס אויף דער פ[illegible]..קיין מאכט איז אין שטאט
כמעט ניט געווען.די דייטשן זיינען געלאפן ווי פארסמטע.מיר האבן זיך נאך
אויסבאהאלטן דריי טעג ביז די רויטע ארמיי איז אריין אין ווילנע.

ספרה יאבלאן-ראזענבערג

מיינע איבערלעבונגען אין קייליס בלאק 2

געווען איז דאס אין א זונטיק אין חודש אפריל. 1944.אין דער לופט
האט זיך שוין געפילט׳דער אומרו. די "אויסדערוויילטע " זיינען ארומגעגאנ-
גען און זיך געסודעט.נאר מיר,קליינע מענטשעלעך,האבן זיך נאך ניט געקענט
פארשטעלן,אז דער סוף איז אזוי נאענט.ווען דער׳אוונט איז צוגעפאלן זיי-
נען ווי פון אונטער׳דער ערד אויסגעוואקסן ס.ס.-לייט און האבן ארומגערינ-
גלט דעם גאנצן בלאק.יענע מאמענטן וועל איך קיין מאל ניט פארגעסן.
מענטשן האבן אנגעהויבן ארומצוגייך ווי צעמישטע אהין און צוריק,און גע-
זוכט עפעס אן אויסוועג,ווי ארויסצורייסן זיך פון דעם קלעם.איך בין אזוי
געשטאנען און געטראכט ווי זיך צו ראטעווען.בין איך צוגעגאנגען צום קא-
מענדאנט פון דער דארטיקער פאליציי און אים געבעטן ער זאל מיר העפן רא-
טעווען מיין טעכטערל.אבער ער איז געווען אזוי אומבאהאלפן ווי איך.

גינזבורג,וועלכער האט געבויט אלע מאלינעס,און איז געווען
אונדזערער א קרוב,האט מיר אנגעוויזן אויף א מאלינע אין דער בעקעריי
הינטער דעם גרויסן טיש,וואו מען האט געקנאטן דעם טייג.מען האט באדארפט
אריינקריכן אין א קעלער.איך האב דאס דערציילט מיין טאכטער,און מיר
האבן שוין געוואלט אריינגיין.איז פלוצעם צו אונדז צוגעקומען א פרוי
און האט געזאגט,אז זי אבסערווירט מיך די גאנצע צייט .זי וויל אויך
אריינגיין.אזוי ווי די פרוי וואס האט דארטן געארבעט איז געווען קעגן
דעם ,א ז צו פיל מענטשן זאלן זיך׳פארקלייבן אין דער מאלינע,האט
זי מיך אויך ניט געוואלט אריינלאזן.מיין הארצווייטאק איז געווען אזוי

גרויס.אז איך האב פשוט ניט געוואוסט וואס עס טוט זיך מיט מיר.איך קאפ האט
געקלאפט.וואס זאל איך איצט טאן ?ווען איך האב אנגעהויבן זיך ארומקוקן איז
אויפן הויף שוין געווארן ווייניקער מענטשן.

מיר זיינען ארויף אין שטוב,און מיר איז איינגעפאלן א געדאנק :
אין וואשצימער איז געשטאנען א וואנע.צווישן דער וואנע און דער וואנט איז
געווען זייער א קליינער אפשטאנד.אפשר וועלן מיר זיך ווי עס איז אריינ-
וועטשן דארטן ? איך בין מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג אריינ'אהין,און ליזע
האט זיך געלייגט אויף מיר,ווייל אנדערש האט מען ניט געקענט.אין א ווינקל
זיינען געלעגן שטיקלעך האלץ און ברעטלעך. מיר האבן זיך ווי עס איז פאר-
שטעלט מיט די ברעטלעך.אזוי זיינען מיר אפגעלעגן ביז פאר טאג. אין דער פרי
האבן מיר דערהערט,אז מען רופט אלעמען צום אפעל.

איך האב געוואוינט צוזאמען מיט עטלעכע משפחות. אין איין דירה.
איין פאמיליע האט זיך מיר ספעציעל איינגעקריצט אין זכרון.די פרוי בעלקינד
האט מיר געטאן די לעצטע טובה פאר איר אומקום.ווען זי איז אריין אין וואש
צימער האב איך זי געבעטן צו פארשטעלן אונדז מיט די ברעטלעך.אירע לעצטע
ווערטער זיינען געווען,אז זי וויים וועגן אונדזער לאגע ;זי רעדט מיט מיר
צום לעצטן מאל. זי גייט צום אפעל,און זי איז זיכער,אז זי וועט שוין'ניט
קומען צוריק.זי ווינטשט אונדז מיר זאלן איבערלעבן די שרעקלעכע צייט.

אויפן הויף האט זיך דער טומל זיך א ביסל איינגעשטילט.די
מערדערס האבן אנגעהויבן זוכן די באהאלטענע יידן.זיי זיינען אריין אין
וואשצימער און גערופן :"יודען היר דא ?" מען קען זיך פארשטעלן ווי מיר
האבן זיך געפילט.עס זיינען געווען מאמענטן ווען ליזא פלעגט איינשלאפן
ליגנדיק אויף מיר,האב איך מורא געהאט,אז איר אטעם וועט אונדז ארויסגעבן.

אין א געוויסער צייט ארום,ווען אלץ האט זיך איינגעשטילט,ה..
האב איך דערהערט א שטימע אויף פויליש: " פרויען,מענער,קומט ארויס פון
פון די באהעלטעניסן ! קיין געפאר דראט אייך ניט.איר וועט פארן צו דער
ארבעט און איר וועט בלייבן לעבן !"איך האב דערקענט די שטימע פון ד"ר
פייגוסעס אסיסטענט.ווייזט אויס,ער איז געווען געצוואונגען דאס צו טאן.
איך האב איבערגעטראכט און באשלאסן צו פאראייניקן זיך מיט די איבעריקע,
ווייל בלייבן דא אליין מיינט געפונען ווערן פון די פאליאקן.מיר זיינען
ארויסגעקראכן פון אונטער דער'וואנע און זיך א ביסל אפגערייניקט,ווייל
מיר האבן אויסגעזען ווי שדים.איך האב ארויסגעקוקט דורך דער טיר פון באל-
קאן און געזען,אז די'קריסטן פון ארום זיינען זייער צופרידן.צוזאמען
מיט זיי שטייען די ס.ס. מיט די מאשין-געווער. אלע יידן זיינען געזעסן
אויף דער ערד ,און "גאלאשייקע" -אונדזער לאגער-פירער,גייט ארום און ציילט
די מענטשן.

איך האב פארפאקט אונדזערע אייניקע זאכן און שוין געוואלט גיין
אונטן.אין דעם מאמענט האב איך דערזען,אז די יידן זיצן שוין ניט,נאר זיי
ליגן מיטן פנים אראפ,און דער רוצחישער לאגער-פירער גייט און האקט מיטן
ביקס איבער די קעפ פון די ליגנדיקע מענטשן.דערשראקענע און פארצווייפלטע
זיינען מיר צוריק אריין אין אונדזער באהעלטעניש.איך האב געבעטן אויף זיך
דעם טויט,אבער ניט דורך די הענט פון די מערדערס.

און אזוי ווי עס וואלט א נס געשען: עס האט זיך דערהערט א גע-
רויש פון עראפלאנען.עס האט זיך אנגעהויבן א שטארקע באמבארדירונג.דאס זיי-
נען געווען די רוסן.דער גאנצער בלאק האט זיך גענומען טרייסלען,ווי צום
איינפאלן.מיר זיינען באשאטן געווארן מיט שטיקלעך גלאז און ציגל.שנעל

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

זיינען מיר ארויס פון דער באהעלטעניש און אראפ אין קעלער.דארטן איז גע-
ווען סטאק-פינצטער.ווען אונדזערע אויגן האבן זיך א ביסל צוגעוואוינט צו
דער פינצטערניש האבן מיר דערזען,אז מיר זיינען ניט אליין.עס האבן זיך אנ-
געהויבן ארויסצושיילן סילועטן פון מענטשן.דאס זיינען געווען פיר יונגע בחו-
רים.דריי פון זיי זיינען געבליבן לעבן.דער פערטער- א 16 יאריקער בחור מיטן
נאמען שלאסבערג איז שפעטער אוועק צו די פארטיזאנער און איז אומגעקומען.

אזוי האבן מיר—מיין טאכטער ליזא און איך—זיך געראטעוועט.

שלום ליסאגורסקי

א באשיידן געזאגנג צו ווילנע.

ווילנע,כ'וועל דיך קיינמאל ניט פארגעסן
אזוי אנגענעם און ליב ביסטו אין מיין זיכרון
איך האב דיין ברויט כאטש ניט צו זאט געגעסן,
און נאר פארבראכט ביי דיר א טייל פון מיינע יארן.

מיין וויג ביי דיר איז ניט געשטאנען
מיין לעבנסוועג צו דיר האט מיך געפירט;
דו האסט מיך אויפגענומען ווי א מאמע,
און אויף אייביק אדאפטירט.

צום טיש געזעצט מיך ווי א גלייכן,
כאטש ארעם איז געווען דיין טיש;
צו דיר קען קיינער זיך ניט גלייכן.
ווי אנגענעם,הארציק און זיס!

ווער,פון וואנען ס'פלעגט נאר קומען
ווער אפילו אין געהיים—
פאר יעדן האסטו אן ארט געפונען
פאר אלעמען געווען א היים.

יעדן האסטו צוגעטוליעט,
ווי א מאמע צו דיין ברוסט;
בייזער שטורעם זיך צעהוליעט
און זיך שיידן מיר געמוזט.

שווארצע וואלקנס אנגעקומען,
ניט פארגונען מיר מיין גליק;
אויף כוואליעס שטורעמדיקע ווייט פארשוואומען
ניט באשערט מער זיין מיט דיר צוריק.

ווי לעבסטו דארט,אן אונדז אליין,
צי טרויערסטו ווי מיר אצינדער ?
נאר דו,די מאמע, קאן פארשטיין,
ווי ס'פילן דיינע קינדער.

יידן האבן זיי דערטרונקען אין באלטישן ים

מי באש ומי במים ...

משה ראטשילד.

/ צום אנדענק פון מיין אומפארגעסלעכן ברודער הלל און אלע פריינד, וועלכע האבן געטיילט דעם זעלביקן גורל /

מיט די דאזיקע שורות וויל איך פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזערע טרא-גיש אומגעקומענע עלטערן,קינדער,ברידער,שוועסטערס ,פריינד און באקאנטע, וועלכע דער גורל האט אזוי אכזריותדיק פון אונדז אוועקגעריסן אין דער צייט פון אונדזער גרויסן חורבן דורך די נאציסשע מערדערס.

עס איז געווען סוף דעצעמבער 1944.דאס היטלעריסשע בלוטדורשטיקע מיליטער איז געלאפן אין פאניק,געטריבן פון דער סאוועטישער ארמיי. ווילנע איז שוין לאנג געווען באפרייט.איך צוזאמען מיט נאך 1000 ווילנער מענער האבן נאך אלץ געשמאכט אין פארשיידענע קאנצענטראציע-לאגערן אין מזרח-פרייסן.5 לאגערן זיינען עס געווען :קעניגסבערג,שיפענבייל,הייליקענ-בייל,סייעראפיירען און יעזאו.מען האט אונדז געטריבן קיין קעניגסבערג אונ-טער א שטרענגער וואך פון באוואפנטע ס.ס—1000 מענער,אלע פון ווילנע— און 4000 פרויען ,מערסטנס פון לאדזש,טייל פון אונגארן.פון קעניגסבערג האט מען אונדז געטריבן ווייטער.מען האט אונדז געמאלדן,אז דער וועג איז א ווייטער און א שווערער,און ווער עס פילט זיך ניט גענוג שטארק זאל ארויס-פון דער ריי ;וועט מען זיי פירן מיט לאסטוואגנס,וועלכע זיינען טאקע גע-שטאנען גרייט.

עס האבן זיך געמאלדן ביי א פאר הונדערט מאן,צווישן זיי דעם אין ווילנע גוט באקאנטן "קארפקע דער פאזשארניק".ער שטייט מיר נאך איצט פאר די אויגן מיט זיין הויכער פיגור ,און זיינע אויגן פול מיט הא-פענונג:אפשר וועט געשען א נס... עס האט געדויערט בלויז געציילטע סעקונדן און מען האט זייערע ק ע ר פ ע ר ס נאךווארעמע און צאפלדיקע ,דורכגעלע-כערט מיט קוילן אנגעלאדן אויף די טראקס.

מען האט אונדז געפירט צו 4 אין א ריי איבער די גאסן פון קעניגסבערג.יעדע עטלעכע מינוט האט מען איינעם פון אונדז ארויסגענומען פון דער ריי,געהייסן זיך שטעלן אויף די קני און א קויל אין נאקן האט פאר-ענדיקט דאס לעבן פון אומגליקלעכן.מיר האבן זיך געשלעפט איבער די גאסן פון דער גרויסער שטאט,און די רוצחים האבן פאר אלעמען אין די אויגן,אן חרפה געטאן זייער בלוטיקע מלאכה.

אונדזער מארש האט זיך אזוי געצויגן פון פארטאג ביז האלבע נאכט.די טראקס זיינען געפארן הינטער אונדז און צוזאמען גענומען די טוי-טע קערפערס פון אונדזערע חברים,וועלכע זיינען נאך מיט געציילטע מינוטן פריער געגאנגען מיט אונדז זייט ביי זייט.נאך האלבע נאכט זיינען מיר אנגעקומען קיין פאלמיקען.מען האט אונדז אריינגעווארפן אין א די קע-לערן פון א בורשטין-פאבריק .צוויי טעג זיינען מיר דארטן געלעגן אן עסן. ענדלעך האט מען אונדז געבראכט געזאלצענע ארבעס-קאשע.קיין וואסער האט מען ניט געגעבן.דער דארשט האט אזוי געפייניקט,אז מען האט געבעטן אויף זיך דעם טויט.מען האט אונדז ארויסגעשטעלט צום אפעל.מיר זיינען שוין געווען 3.800 .צוועלף הונדערט מענטשן האבן פארלארן זייערע לעבנס אויפן טויטן-וועג צווישן קעניגסבערג און פאלמיקען!

די נאכט פון 31 סטן יאנואר 1945 ,די שוידערלעכסטע נאכט

איך מיין לעבן,וועל איך קיין מאל ניט פארגעסן.דאס איז די דאטע ווען דער
גורל האט מיר באשערט צו בלייבן אן אומגליקלעכער עדות פון דער אומבאשרייב-
לעכער טראגעדיע,וואס אונדז האט געטראפן.

ס׳איז קאלט ׳און שטאק-פינצטער.עפעס הערט זיך אן אומהיימלעכער גע-
רויש פון דער ווייט.אונדזערע פארפרוירענע פיס שלעפן קוים די אויסגעפיי-
ניקטע קערפערס אין טיפן שניי.דער גערויש ווערט אלץ שטארקער.עס פאלט מיר
גאר ניט איין,אז דאס רוישט דער צעבושעוועטער ים מיט די שטורעמדיקע כוואַ-
ליעס,און אין געציילטע מינוטן שפעטער וועלן מיר ווערן ברוטאל׳ארייננגע-
שליידערט אין ים לעבעדיקערהייד,און דא וועט זיין אונדזער קבר.

די פאסטנס וואס באוואכן אונדז גייען אלע אריבער אויף איין זייט,
אויף דער זייט פון דער יבשה.קוים וואס מען באוועגט זיך,אבער עפעס קומט
פאר אומפארשטענדלעכס :די הינטערשטע רייען שפארן זיך פארויס,ווילן זיין
פון די ערשטע.באלד איז אונדז קלאר געווארן די סיבה. די דייטשן האבן פון
די הינטערשטע רייען גענומען גרופעס פון 20 מענטשן,זיי געיאגט פארויס
און לעבעדעקערהייד ארייננגעטריבן אין צעשטורעמטן ים. דער דראנג צו לויפן
פארויס,אנטלויפן פון טויט אויף עטלעכע מינוט ווערט אלץ שטארקער.
אונדזער קאלאנע איז שוין באדייטנדיק קלענער ,אבער די פאניק ווערט מיט
יעדער מינוט אלץ גרעסער.מען שטופט זיך,מען לויפט אין ווילדער אומאר-
דענונג,געטריבן פון פאצווייפלונג.

איך האלט מיין אומפארגעסלעכן ברודער הלל ביי דער האנט כדי זיך
ניט צעשיידן אין לעצטן מאמענט.פלוצלונג האט א בלויע פייער-ראקעטע דורכ-
געשניטן דעם טונקעלן הימל.דאס איז געווען א סיגנאל פאר די חיהשע מער-
דערס צו פארענדיקן די אקציע ,צו פארניכטן אונדז וואס שנעלער.די ס.ס.
האבן געעפנט אויף אונדז פייער פון די מאשין-ביקסן.מיר זיינען געלאפן פון
פייער אין וואסער פון דעם שטורעמדיקן ים.-"פאל אנידער און מאך זיך טויט"
האב איך א זאג געטאן צו מיין ברודער.מיר זיינען געפאלן און ארויפגעשלעפט
אויף זיך די׳קאלדרע.אזוי זיינען מיר געלעגן עטלעכע מינוט,האלטנדיק זיך
פאר די הענט.

די דייטשן האלטן אין איין שיסן.אויפן ברעג ליגן פארוואונ-
דיקטע אין די הונדערטער.זיי קרעכצן און בעטן זיך מען זאל מאכן א סוף
צו זייערע ליידן.די נאצים לאזן זיך ניט בעטן,שיסן אריין נאך קוילן,און
פארענדיקן די׳קרבנות מיט זייערע קינזשאלן.דערנאך ווארפן זיי די מענטשן
אין ים אריין.איך האלט מיין ברודערס האנט,און איך פיל ווי זי ווערט
קעלטער און שטייפער.ווען דער נאציסטער רוצח האט גענומען שלעפן מיין ברו-
דער פארן פוס האב׳ איך אפגעלאזן די פארגליווערטע האנט.ביז היינטיקן
טאג קען איך ניט באגרייפן פארוואס איך האב זיך ניט מיטגעשלעפט מיט אים.
צי דען בין איך געווען קליגער אדער געשיקטער פון אים ?

דער בלוטיקער׳באנדיט האט אויך מיך ארייננגעווארפן אין ים,
מיינענדיק אז איך בין טויט.עס האט דעמאלט א בליץ געטאן אין מיין מוח
א געדאנק,אז עס מוז זיך ראטעווען כאטש איין לעבעדיקער עדות פון דער דא-
זיקער שוידערלעכקייט,און זאל עס דערציילן דער וועלט.זאל די וועלט
אויפשוידערן ,און זען,אז אזוינס זאל זיך מער ניט איבערחזרן.

איך בין געלעגן אין אייזקאלטן ים ביי 2 שעה,האלטנדיק
זיך מיט די לעצטע כוחות אן א פוס פון א טויטן קערפער ,וואס איז געלעגן
אויפן אייז. זיי מיר מוחל,אומבאקאנטער קרבן,וואס דיין קערפער האט
מיר געדינט ווי א מיטל זיך צו ראטעווען און פארזעצן מיין צעבראכן לעבן !

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

נאך א פאר שעה,ווען די "אקציע" איז געווען פארענדיקט,
דער ברעג אפגערייניקט פון די טויטע קערפערס,די בעסטיעס פארשוואונדן,האב
איך זיך לאנגזאם צוגעקראגן צום ברעג,ארויס פון ים און אוועק איבער די
פארשנייטע פעלדער וואו די פיס האבן געטראגן. בלאנקענדיק איבער די פעלדער
האבן מיר זיך צוזאמענגעטראפן 4 מענער און 3 פרויען:גרשון קאראפאנס פון
ווילנע,היינט אין ישראל;גרשון תרשיש-אין 1946 איז ער געווען אין ווילנע;
באצקל וויטקין פון קאוונע (היינט -אין ישראל) און איך.די נעמען פון די 3
לאדזשער פרויען געדענק איך ניט.איך האב געהערט,אז נאך אייניקע האבן זיך
געראטעוועט פון יענער טראגישער געשעעניש: אולנער און אבראמאוויטש(איצט
אין ניו יארק.

אויף וויפיל מיר איז באקאנט ,איז דאס דער טרויעריקער
סך הכל פון 5000 יידן,קרבנות פון דייטשישן בארבאריזם אין דער נאכט פון 31
יאנואר 1945.

מיר,די פיר מענער זיינען שפעטער ווידער אריינגעפאלן
צו די דייטשן,וועלכע האבן דורכגעבראכן דעם רוסישן פראנט אין יענער גע-
גנט. מיר האבן זיך פונאנדערגעטיילט.איך און גרשן קאראפאנס אין איין ריכ-
טונג,תרשיש און וויטקין—אין א צווייטער.מיר האבן זיך אנגעגעבן פאר פא-
ליאקן און זיך אויסבאהאלטן פון דער געשטאפא ביז דער ענדגילטיקער באפריי-
אונג דעם 14 טן אפריל 1945.

דאס איז נאך א טרויעריקער קאפיטל צו די דאקומענטן
פון אונדזער חורבן און אומקום. נאך א באווייז מיט וואס פאר א גרויזאם-
קייטן און מיתות משונות די דייטשן האבן זיך באנוצט כדי אונדז אומצוברענ-
גען !

זאל די וועלט וויסן,אז צווישן די אלע פארניכטונג-
לאגערן און קרעמאטאריעס איז געווען נאך א פלאץ,וואו עס זיינען אזוי שויִ-
דערלעך דערהרגעט געווארן טויזנטער יידן.דאס איז דער וועג צווישן קעניגס-
בערג און פאלמיקען און אויפן ברעג פון באלטישן ים צווישן פאלמיקען און
גערמאו.

לאמיר כאטש דערמאנען עטלעכע נעמען ,און שטעלן זיי
א באשיידענע מצבה.קיין קברים האבן זיי ניט,מסתמא אויך ניט קיין יורשים.
מיין ברודער הלל ראטשילד,ד"ר אבראשע אבראמאוויטש,שלמה און אברהם פעלדמאן,
קענסקי,גאלדמאן,לעווין ,סאלץ כאיעט און איזראעלעוויטש

18 יאר זיינען שוין אריבער זינט יענער שוידער-
לעכער נאכט.אין משך פון די דאזיקע 18 יאר איז ניט פארשוואונדן פון
פון מיינע אויגן יענע בילדער און סצענעס אין יענע פינצטערע נעכט אויף די
וועגן און אויפן ברעג פון דעם שטורעמדיקן באלטישן ים.
אין מיינע לאנגע,שלאפלאזע נעכט וואכן אויף אין מיינע געדאנקען די אלע
קאשמארן און גרוליקייטן.

כבוד דעם הייליקן אנדענק פון די מארטירערס !

אלחנן וואגלער

אויף פאנאר צוויי קליאנען בליען

אויסצוגן פון דער פאעמע

אויף פאנאר צוויי קליאנען בליען
צוקאפנס פון א פארטיזאן,
און צוויי רויטע רויזן גליען
פון זיין אטעם -דעם טומאן.

די ליטווישע בעריאזע קניט
צום קבר, וועלכן ס'היטן בערג,
און א שוואלב זינגט איר דאס ליד
פון שטעפער איציק וויטנבערג.

מיט לאקן קינדערשע פון גאלד
דורך לענדער, דערפעלער און שטעט
מיט יידיש בלוט דער תלין מאלט
אויף בערג און טאלן זיין פארטרעט.

די זילבערנע ווילִיע רינט
אין שיין פון שקיעה —זיין פאלעטע.
און אין די אלכעס רוישט דער ווינט -
דאס געוויין פון ווילנער געטא.

פון געטא ביז פאנארער גרוב
זיך וויקלען וועגן-גרויע שטריק,
פארציען אויפן האלדז א קנום,
דעם זקן און דעם קינד אין וויג.

געפלויגן איז א שווארצער ראב
איבער דער גרויער געטא-וואנט :
-דער מולך מאנט דעם בלאנדן קאפ
פון אייער יונגן קאמענדאנט.

און אויב ביז זקיעה וועט זיין רויב
ניזט ליגן צו די פיס פון האר,
וועט ער פארוואנדלען אייך אין שטויב
אין זיין מלכות פון פאנאר.

פארשוואונדן איז דער שווארצער ראב,
די זקיעה ברענט אין גאונס קלויז,
זיין ספר פאלט אויף דר'ערד אראפ
און זיין נר תמיד לעשט זיך אויס.

נעבן גאונס הויף, אויף גלעזער-גאס
זיצט א קלעזמערל א בלינדער
און ער יאמערט אויף א באס
נאך זיינע אייניקלעך און קינדער.

אין מערב ליגט דער טאג בעקוילעט,
עס טלייכט די נאכט פון שניפישאק
און זי שטעכט דורך מיכן מולד
די רויטע צונג פון קירכנגלאק.

ביי די ראבן איז א וזגא,
אין געטא פלאטערט אוט א טויב,
עס קלינגען קלויסטערט אויף טרעוואגע
-ס'איז גרייט דער מאלציים, אייער רויב!

אויף פאנאר צוויי קליאנען בליען
צוקאפנס פון א פארטיזאן,
און צוויי רויטע רויזן גליען
פון זיין אטעם -דעם טומאן.

אלחנן וואגלער (פען-נאמען פון אלחנן ראזזאנסקי) איז איינער פון די פיינסטע פאעטן פון דער גרופע "יונג ווילנע". ער וואוינט איצט אין פאריז. אין זיין בריוו צו דער רעדאקציע שרייבט ער: "איך דאנק אייך פאר דער איינלאדונג אמטייל צו נעמען אין דעם זאמלבוך געווידמעט דעם צוואנציקסטן יארצייט פון אונדזערע קדושים, וואס דער פארבאנד פון די ווילנער אין מאנטרעאל קלייבט זיך ארויסצוגעבן. אייער איינלאדונג איז פאר מיר א כבוד.
...איך וועל אייך זייער בעטן מיר טאן די געפעליקייט און איבערדרוקן מיין פאעמע: אויף פאנאר צוויי קליאנען בליען. זי איז פאראן אין מיין לידער-זאמלונג :פרילינג אויפן טראקט".

מיר דרוקן איבער טיילן פון דער ליריזער פאעמע מיט דאנק און אנערקענונג צום חבר און לאנדסמאן אלחנן וואגלער, און בעטן אנטשולדיקונג וואס 'מיר האבן, צוליב טעכנישע טיבות, ניט געקאנט איבערדרוקן די גאנצע פאעמע.

די רעדאקציע.

פעליקס דאוואנג

יידן אין די לאגערן

/ פסיכאלאגישע באטראכטונגען /

1. מיר זיינען אלע געוועזן מענטשן ווי אלע מענטשן מיט אונדזע-
רע מעלות און חסרונות.ווער בעטער,ווער ערגער.יעדערער פון אונדז האט
געהאט זיינע געוואוינהייטן,זיינע אידעאלן און פרינציפן,זיין ארט דענקען
און ריידן.מיר קומען אלע פון היימען וואו עס זיינען געווען "הייליי-
קייטן ".מען האט אונדז צוזאמענגעבראכט פון אלע ווינקלען פון אייראפע.
ווי פארשיידנארטיק עס זיינען געווען סיי פסיכאלאגיש און קולטורעל,
און אפילו קלימאט'ש פון וואנען מיר זיינען אלע געקומען,—האט דער גורל
פון די קאטאסטראפע- יארן אונדז צוזאמען געבראכט אין די זעלבע באדינ-
גונגען.און עס איז אינטערעסאנט און וויכטיק צו זען ווי יעדערער פון
אונדז ,זייענדיק פון פארשיידענע מקומות,האט רעאגירט אין זיין ארט דענ-
קען און פסיכאלאגישן צושטאנד.

צווישן אלע יידן פון פארשיידענע לענדער וועלכע זיינען אריין
אין לאגער,זיינען די פוילישע,ליטווישע יידן געווען די סאמע אויסדוי-
ערנדיקסטע.איך רייד וועגן די וועלכע זיינען אריין אין לאגער (די וועל-
כע זיינען אוועק גלייך צום טויט אין גאז,אדער אויף אנדערע אופנים
אומגעבראכט געווארן,—זיי האבן קיין זאך ניט געקענט באווייזן...)צי
ווייל דער פויליש -ליטווישער ייד וועלכער איז געבראכט געווארן פון
די געטאס האט שוין אויסגעהאלטן און געקענט זיך בעסער ארייגפאסן אין
די באדינגונגען פון דעם לעבן.אין די צוויי מדינות איז דאס לעבן אלע
מאל געווען שווערער אין פארגלייך צו אנדערע אייראפעאישע לענדער.דער
מענטש איז געווען מערער פארהארטעוועט.ווען מען וואלט אט דעם טייל יידן
ניט פארניכטעט אין די לאגערן,וואלטן זיי אין פארגלייך צו אנדערע פעל-
קער אין די זעלבע באדינגונגען אויסגעהאלטן לענגער און געבליבן לעבן.
עס פארשטייט זיך,אז הונגער,קעלט,איבערפיזישע ארבעט,שלעכטע היגיענישע
און סאניטארע באדינגונגען וואלטן געגעבן א גרויסן פראצענט טויטע,אבער
עס וואלט ניט געווען גרעסער ווי ביי אלע איבעריקע פעלקער וועלכע
זיינען געווען אין די זעלביקע באדינגונגען.

מען קאן ניט זאגן די זעלבע זאך בנוגע די מערב-אייראפעאישע
יידן ווי פראנצויזן,בעלגיער,טשעכן,האלענדער,וועלכע האבן געהאט פון זיי-
ער געבוירן אן א העכערן סטאנדארט לעבן אין פארגלייך צום מזרח-אייראָ-
פעאישן יידן . און במילא איז זייער רעזיסטאנץ-פעאיקייט געווען א סך
קלענער סיי פסיכאלאגיש און סיי פיזיש.די מערסטע מזרח-אייראפעאישע
יידן זיינען אריין אין לאגער פון די געטאס וואו די באדינגונגען
זיינען קיין סך בעסער ניט געווען ווי אין לאגער (אויסער דער פאר-
ניכטונג)און קומענדיק אין לאגער איז זיין אריענטאציע,אדער פארשטיי-
ענדיק די באדינגונגען און שוואונג ,זיך באמיט צו צופאסן צום ריטם
פון לאגער-לעבן כל זמן מען האט אים געלאזן לעבן.און דאס האט זיי-
א סך ארויסגעהאלפן.דער מערב-אייראפעאישער ייד ,וועלכער איז כמעט גע-
נומען געווארן גלייך פון שטוב אין לאגער אריין,אדער אין זאמל-לא-
גערן וואו ער האט געהאט קאנטאקט מיט דער פרייער וועלט און געלעבט
מיט דער האפענונג אז ער וועט באלד ארויס צוריק אהיים.קומענדיק אין
די פארניכטונגס-לאגערן האט ער פארלארן אלע האפענונגען מיט איין מאל
און עס האט געדארפט נעמען א לאנגער פראצעט ביז וואנען זיי האבן
געקראגן צוריק דעם גלייכגעוויכט און געפרובירט אנגיין אין די בא-
דינגונגען.און דאס איז די סיבה וואס זיי פלעגן אומקומען מאסנווייז

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

גלייך ביים אנפאנג.און זייער ווייניק האבן פּראצענטועל אין פארגלייך
צום פוילישן יידנטום אויסגעהאלטן ביזן סוף.אויך זייער גלויבן אין א
גיכן זיג איבער די דייטשן,וועלכער האט זיך צום באדויערן ניט אזוי
אויסגעלאזט,-פלעגט אוועקנעמען דאס באהאלטענע ביסל האפענונג און זיי
פלעגן זיך פארוואנדלען זייער גיך אין "מוסלמענער" און זייער גורל
איז געווען א פארחתמעטער.

עס איז אויך כאראקטעריסטיש ווי אזוי מען האט זיך פארגעשטעלט
איינער פארן אנדערן וועגן דער היים פון נעכטן.די צונויפגעבראכטע יידן
פון אלע ווינקעלעך פון אייראפע,אויך אפילו פון די זעלבע שטעט האבן
זיך זייער ווייניק געקענט פערזענלעך איינער מיטן אנדערן.און ווען עס
איז יע געווען אזוינע פאלן איז מען פארטיילט געווארן אין פארשיידענע
בלאקן וואו מען איז אויסגעמישט געווארן מיט פארשיידענע יידן פון אנ-
דערע שטעט און אנדערע מלוכות.ביי געוויסע געלעגנהייטן ווען מען האט
געקענט אפציען דעם אטעם,פלעגט ארויפשווימען די מענטשלעכע קוריאזיטעט
און מען פלעגט זיך וועלן דערוויסן ,-ווער ביסטו ?פון וואנען ?וואס פאר
א לעבן האסטו געהאט אויף דער פריי ?... וועגן זיין פאמיליע,פרוי און
קינדער א.א.וו.אין דעם פאל איז דער מזרח-אייראפעאישער ייד געווען אנ-
דערש פון די איבעריקע.איך רייד דא ניט וועגן דער פראפעסיאנעלער אינ-
טעליגענץ ווי ד"רים,אדוואקאטן,אינזשעניערן אדער בלי קודש.איך רייד וועגן
דעם רוב ,וועגן דער מאסע,ווי סוחרים,ארבעטער און פארשיידענע פאכמענער
ביי וועלכע טיף אין הינטער-[illegible] האט געטליעט א טרוים פון
ארויפארבעטן זיך, פון דערגרייכן בעסערע מאטעריעלע באדינגונגען.און דא
וואו קיינער האט ניט געוואוסט זיין הינטערגרונט האט ער אנגענומען
זיין פאנטאזיע פאר א רעאליטעט.האט זיך באקומען,אז קלענער פאר א מיל-
יאנער זיינען גאר אין לאגער ניטא...עס איז ניט געווען קיין שניי-
דער-ארבעטער,ער איז געווען א שניידער פאר זיך,אדער א פאבריקאנט.ער איז
ניט געווען קיין קרעמער,נאר געהאט אן אייגענעם געשעפט.געשטאמט האט
יעדערער פון סאמע יחוס,א,א,וו.נאר אין איינצעלנע פאלן האב איך בא-
געגנט דעם פארטיי-מענטש,ווי בונדיסטן,סאציאליסטן און קאמוניסטן,וועלכע
האבן גערעדט וועגן זיך מיט די טערמינען פון געווען א שוסטער,א
שניידער,א פאריקמאכער,-אן א מינדערווערטיקייט-געפיל.

דער מערב-אייראפעאישער ייד האט דעם געפיל פון איבערטרייבן,
אדער זיך שעמען מיט זיין סטאטוס אין זיין נארמאלן לעבן--ניט גע-
האט.יעדערער האט פארגעשטעלט זיין לאגע אין פראזאישע פארבן.און רע-
אליסטיש האט זיין לאגע אויסגעזען אין פארגלייך צום פוילישן "מיליא
נער "א סך אינטערעסאנטער.

אויך די גריכישע יידן האבן ניט געליטן פון מינדערווערטיקייט-
געפיל.ווער עס איז געווען א פארט-ארבעטער,ווער א טרעגער,אויך ווער א
באנקיר און ווער אן אינדוסטריאליסט.די אונגארישע יידן וועלכע האבן
געהאט א נעגאטיווע באציאונג צום מזרח-אייראפעאישן יידן ,זיינען אלע
געווען פון העכערע פראפעסיעס.ווייניקער ווי א דאקטער,פראפעסאר,קינסט-
לער ,אדוואקאט,ארטיסט איז ניט געווען.די אלע פאקטן באווייזן אז טיף
טיף אין הארצן האבן מענטשן ניט געגלויבט,אז מען וועט נאך א מאל
זען די ליכטיקע טיין,און אז די רעאליטעט וועט זיין א [illegible] פראזאישער.
איז זאל מען כאטש אין אט די טעג לעבן מיטן טרוים.

און דאס באווייזט נאך א מאל,אז דער מזרח-אייראפעאישער
ייד האט געהאט א גוואלדיקע וויטאליטעט,וועלכע האט אים געהאלפן ארי-
בערקומען דאס שרעקלעכסטע.אויך די פארשיידענע פרוא[illegible] פון ווידער-
שטאנד,וועלכע זיינען געמאכט געווארן אין די לאגערן,זיינען ארגאניזירט

געוועזן דורך מזרח-אייראפעאישע יידן און ניט דורך ווסן ,פאליאקן אדער
אנדערע פעלקער. סיי פסיכאלאגיש,סיי פיזיש איז דער אייראפעאישער
ייד א ווידערשטענדלער.און אויך דערפאר האט דער דייטש אויסגעלאזן
אויף אים זיין גאנצע פארניכטונג-מאשין.

0000000000000000000000000000000000000

2. פעליקס דאוואנג

א ל ט ע ר

/ ווי די טויטע האבן אים געראטעוועט דאס לעבן /

ווי אזוי האט אלטער געקענט איבערלעבן ? ווי קען מען עס אויפ-
קלערן ? אליין א קליינינקער,א שוואכער מיט א דינער שטימעלע.א דאר-מא-
גערער איז ער געווען,ווען איך האב זיך מיט אים באקאנט. א שטילער,
ניט באקלאגט זיך און ניט געליארעמט. וועלכע גייסטיקע און פיזישע
כוחות האט ער געדארפט פארמאגן כדי דאס אלץ אריבערצוקומען ? די
איינציקע טרייסטווערטער,וועלכע ער פלעגט באנוצן זיינען געווען : מיר
וועלן זיי אריבערלעבן "...

ער האט מיט מיר דורכגעמאכט א טייל פון גאנצן וועג, פון 1942
ביז דער באפרייאונג -דורך דראנסי,קאמפיען,אוישוויץ,בירקענאו,ווארשע און
דאכאו. שטארקערע פון אים האבן ניט אויסגעהאלטן. גייסטיקע ריזן האבן
זיך איינגעבראכן,געגאנגען אפילו אויף קאמפראמיסן מיט זייער געוויסן.
אבער ניט אלטער. ניט שטענדיק האבן מיר ג'ארבעט אויף איין קאמאנדא,
אבער די צייט וואס מיר האבן יע געארבעט צוזאמען אין "בונא",אין
ד.א.וו.ביים גראבן קאנאלן,ביים דורכלייגן אן אייזנבאן ,אדער ביים
מישן צעמענט – פלעג איך אלטערן זען ווי וואך, אנגעשטרענגט ער ארבעט
מיט די לעצטע כוחות.ער האט פארשטאנען צו זיין אזוי,כדי אויסצומיי-
דן קלעפ פון די פארארבעטער קאפאס. יעדער קלאפ וואלט אים אוועקגע-
לייגט אויף אן ארט. ער פלעגט יעדעס מאל זיך בעטן ביי אלעמען,ווען
עס פלעגט אויסקומען,למשל, אריבערצוטראגן א רעלסע,אדער א שווערע קלאץ,-
און צען האלב-טויטע פלעגן עס דארפן טאן,- "לאמיר אלע צוזאמען זיך
אנשטרענגען,אלע צוזאמען "... אבער א געוויקסיקער פלעגט פילן א גרעסערע
לאסט ,אנדערע פלעגן קוים אונטערהאלטן די משא ,ווייל אלע,אלע זיינען
געווען מיד און הונגעריק און קראנק.פלעגט מען קריגן קלעפ פארן
גיין לאנגזאמער.פלעגט זיך אלטער בעטן :"אלע צוזאמען ".

דער גורל האט אונדז פונאנדערגעטריבן.אים האט מען אריבער-
געווארפן אויף אנדערע קאמאנדאס,און במילא אויף אנדערע בלאקן.פאר א
צייט איז ער געווען פארשוואונדן פון הארייזאנט. א סך זיינען פארשוואונ-
דן,און אז מען פלעגט א געוויסע צייט מער ניט זען די מענטשן האט
מען געוואוסט,אז זיי זיינען מסתמא פארשוואונדן אויף שטענדיק. די
זארגן ווי אזוי אריבערצולעבן א טאג אין לאגער האט ניט געלאזן טראכ-
טן וועגן דיינע מיטמענטשן ארום. און זארגן זיינען געווען :וואו נעמט
מען א סוך,א העמד,ווי ווערט מען פטור פון די טויזנטער לייז,און ווי
מאכט מען,אז מען זאל קענען זיין כאטש נאך איין מאל זאט אין לעבן ?
ווען מיר פלעגן טרוימען וועגן זיין כאטש איין מאל זאט, איז אונדזער
גרעסטער טרוים געווען קארטאפל. צווישן אוישוויץ און בירקענאו זיינען גע-
ווען ריזן-פעלדער ,וואו עס פלעגן ווערן באגראבן אויף ווינטער הונדער-
טער וואגאנען מיט קארטאפל.דאס איז געווען דער אזוי גערופענער שפייכלער

פאר עלף לאגערן ארום, וואו מען פלעגט דארפן באַשפּייזן ארום 80 טויזנט
שקלאפן. איז מיין טרוים געווען : אויב איך וועל זיך באפרייען,וועל איך
אין ערגעץ ניט גיין, נאר גיין צום פעלד און עסן...עסן נאר קארטאפל.
וואס קען זיין א גרעסערער טרוים ווי צו קוקן אויף די פעלדער האַ-
בראבענע האלב-צעפוילטע קארטאפל און וויסן,אז דו קענסט עס עסן צו
ווערן זאט ?...

אין 1943 האב איך באגעגנט נאך א מאל אלטערן.ניט ווייט פון
די קארטאפל-פעלדער. ער האט דעמאלט געארבעט אין "זיבעלע ".
"זיבעלע" איז געווען אין בירקענאו דער קראנקן-בלאק.זעלטן ווער האט
זיך ארויסגעריסן פון דארטן צוריק. דאס איז געווען דער גלייכער וועג
צום קרעמאטאריום. ווער עס פלעגט נאך דערגיין צו פוס אין גאזקאמער,פלעגט
מען מען פלעגט טוין פירן אויף לאסטאויטאס,און וועמען מען פלעג ירן
אין "לייכענהויז",וואו מען פלעגט זיי אנווארפן איינעם אויף דעם אנ-
דערן. אין געוויסע שעהן,ווען דער קרעמאטאריום איז טוין פארטיק געווארן
מיט די לעבעדיקע טראנספארטן,פלעגט מען צופירן די טויטע,די דערהרגעטע,
ווי א צובאב צום פארברענען.

איך קוק אויף אלטערן.מיר דערפרייען זיך איינער מיטן א-דערן.
-"אלטער,וואו ביסטו ?וואו ארבעטסטו ? אין וועלכן בלאק ?" - "איך ארבעט
אין "זיבעלע"-דערציילט ער ,"איך בין געווען קראנק, האט מען מיך אהין
אריינגעווארפן.האב איך זיך ארויסגעדרייט און געבליבן דארט ארבעטן."
_"ביסט געווארן א סאניטאר ?"- "וואס רעדסטו ? וואס,אזוי גוט זאל מיר
טוין זיין ?...איך פיר איבער די טויטע אויף א וועגעלע איז "לייכענ-
הויז".- "ווי קענסטו דאס שלעפן אזא משא ?"-"כ'שלעפ"..,ענטפערט דער
מער איינגעשרומפענער אלטער מיט זיין ערנסטן שמייכל.

עס איז זונטיק.דער לאגער איז אויפגעברויזט.מען גייט צו א
סעלעקציע.מי לחיים ומי למות...עס איז מערער למות...איך זע פון ווייטן
ווי אלטער שלעפט א גרויסן וואגן מיט טויטע.מען זאגט,אז מען קוקט
דעם טויט אין די אויגן אריין וועגן מענטשן,וועלכע זיינען בראוו,
וועלכע גייען אין געפאר פאר א געוויסן ציל-צו ראטעווען זיך,צו רא-
טעווען יענעם,צו אויפטאן עפעס אזוינס פאר וואס עס לוינט זיך צו
ריזיקירן מיטן לעבן. אבער זעלטן ווער עס קוקט דעם טויט אן.דער טויט
רעכנט זיך ניט פאר עפעס שיינעס.מען באזינגט דאס לעבן.דער טויט איז
מיאוס. אויף דעם וואגן איז געלעגן דער לאגערטויט אליין.אין אלע זיי-
נע פארמען.דער נאקעטער טויט.מענטשן וועלכע זיינען טוין געווען טויט
לעבעדיקערהייד.וועלכע האבן זיך טוין פונאנדערגעלייגט איידער זיי האבן
אויסגעהויכט זייער נשמה.צעפרעסענע פון ווערעם און לייז,מיט פארפוילטע
געשווירן,מיט אויסגעהאקטע ציין און אפענע מיילער,ארויסגעשטעקטע צינגער
מיט שטארע בליקן אין די אויסגעבלאצטע אפענע אויגן.אנגעווארפענע זיי-
נער אויף דעם אנדערן,נאמענלאזע...איין טויטער איז געלעגן מיטן קאפ
אראפ און זיינע הענט האבן געשארט די ערד.און אלטער מיט זיינע לעצ-
קרעפטן שלעפט דעם וואגן.- "אלטער,זע,ער איז נאך א לעבעדיקער"-שריי
איך אויס צו אים.- "גיי טוין גיי,דאס זיינען די טויטע,וועלכע וועלפן
מיר סטופן דעם וואגן.זיי העלפן ארויס,איך זאל בלייבן לעבן,און זאל
קענען דערציילן דער וועלט.איך זאל זיין א קדיש נאך זיי.עס זאל ניט
אפגעמעקט ווערן זייער זכר.זיי העלפן מיר אריבערצוקומען די שרעקלעכע
צייט איך זאל קענען אויסשרייען צו דער וועלט: הערט וואס איז געשען !
ער האט אריבערגעלעבט.ער האט ניט קיין כוח צו שרייען אזוי הויכצו דער וועלט.
די וועלט איז גרויס.זיין שטימע איז צו שוואכצו דערגרייכן אלע עקן וועלט.סיידן
ווי ער פלעגט זאגן : א ל ע צ ו ז א מ ע ן !

אברהם טראפונסקי

פון אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן

אויף איינער פון די זיצונגען פון דער פארוואלטונג פון ווילנער פארבאנד איז געשטעלט געווארן די פראגע, ווי אזוי דורכצופירן דאס יאר די הזכרה–פארזאמלונג צום 20 סטן יארצייט פון דער ליקווידאציע פון ווילנער געטא. נאך א מיינונג–אויסטויש איז באשלאסן געווארן, אז אויסער דער געוויינלעכער יזכור–פארזאמלונג, וואס מיר פירן דורך אלע יאר אין סעפטעמבער זאל אין 1963– צום 20 סטן יארטאג – ארויסגעגעבן ווערן א שריפט, וואס זאל אויף א מער דויערהאפטן אופן דערמאנען און פאראייביקן דעם אנדענק פון די פארטיליקטע אונדזערע נאענטסטע און ליבסטע .

עס איז פארשטאנען געווארן, אז די אויסגאבע זאל זיין א צונויפזאמלונג פון זכרונות און איבערלעבונגען פון ווילנער, וואס זיינען געווען אין געטא, אין די לאגערן און אין דער פארטיזאנען–באוועגונג. מיר האבן זיך אפגעגעבן א חשבון, אז דאס איז פאר אונדז — א קליינע גרופע ווילנער אין מאנטרעאל — פארבונדן מיט א סך מי און אנשטרענגונג. אבער אז עס איז פאראן דער גוטער ווילן קען מען' דערגרייכן רעזולטאטן.

עס איז אויסגעוויילט געווארן א רעדאקציע פון די פריינד: י. בראסמאן, ס. דאוואנג און פ. דאוואנג. די רעדאקציע–קאמיסיע האט געהאט פאר זיך א שווערן אויפגאב. קודם כל — קריגן דעם מאטעריאל, ד.ה. באווירקן די מענטשן, זיי זאלן אנשרייבן אדער דערציילן זייערע איבערלעבונגען. ניט אלע האבן דעם חשק און מוט זיך צו טיילן מיט זייערע פיינלעכע איבערלעבונגען. אז מען האט שוין דעם מאטעריאל באקומען האט מען עס באדארפט באארבעטן און מאכן דרוקפעאיק. דאן האט מען דעם גאנצן מאטעריאל באדארפט שרייבן אויף א שרייבמאשין, עס סטענסלען און קאפירן.

כדי צו באשיינען אונדזער אויסגאבע האט די רעדאקציע זיך געווענדט צו די ווילנער פאעטן און שרייבער פון דער געוועזענער ליטעראריש̇ער גרופע "יונג ווילנע", וואס זיינען ניט קיין מאנטרעאלער תושבים, אנטייל צו נעמען אין דער יזכור–שריפט. זייערע ארבעטן געפינען זיך אין אונדזער אויסגאבע ווי א סימבאל אז די גאלדענע קייט פון ווילנער נוסח און גייסט איז ניט איבערגעריסן געווארן. דער בונד פון דער אומגעקומענער יידישער גייסטיקער ווילנע מיט די לעבן געבליבענע שאפנדיקע מענטשן וועט נאך גֆדייען לאנגע יארן, כל זמן עס וועט נאך לעבן א ווילנער ייד אין דער ווייטער וועלט.

אין נאמען פון ווילנער פארבאנד אין מאנטרעאל וויל אויסדריקן אונדזער אנערקענונג די רעדאקטארן פארן דורכפירן זייער ארבעט מיט אזוי פיל געדולד און פארשטענדעניש.

אונדזער חברישע אנערקענונג צו אלע אנטייל נעמער פון מאנטרעאל און די פאעטן פון די ווייטע מקומות, און צו אלע וואס האבן צוגעלייגט א האנט צו דער רעאליזירונג פון אונדזער באשלוס.

מיר דאנקען דער פרוי ליבערמאן פון דער יידישער פאלקס–ביבליאטעק פאר איר ווערטפולער טעכנישער הילף ביים דרוקן דעם זשורנאל. זאל די דאזיקע באשיידענע שריפט זיין א באשיידענע

דערמאנונג צום אנדענק פון די קדושים,און א רוף און א מאנונג פאר אונדז,די איבערגעבליבענע ווייטער אנצוהאלטן מיט אלע מעגלעכקייטן דעם גייסט פון אונדזער יידישער ווילנע,מיט וועלכער מיר זיינען אזוי שטאלץ.

הייליק זאל זיין דער אנדענק פון דער פארטיליקטער יידישער ווילנע.

!!

א.טראפונסקי

די יערלעכע יזכור פארזאמלונג פון דעם פארבאנד פון ווילנער אין מאנטרעאל

דינסטיק,דעם 24 טן סעפטעמבער 1963 איז פארגעקומען די פארזאמלונג פון ווילנער פארבאנד צום 20 טן יארצייט פון דער ליקווידאציע פון ווילנער געטא.

אונדזער פריינד,פראפעסאר יצחק קוסטינסקי, הויבט אן די פארזאמלונג מיט זיין סטימונגפולן שפילן אויף דער פיאנא פון א ריי געטא–לידער.

דער פארזיצער פון דעם אווענט פארבעט דעם לאנגיאריקן ווילנער תושב,וואס איז געווען אין געטא,פריינד משה סערעס אנצו–צינדן די יארצייט ליכט.

דער באקאנטער חזן משה גארוויס מאכט דעם טראדיציאנעלן אל מלא רחמים מיט גרויס געפיל נאך דער קהילה קדושה ווילנע.

פריינד י.גראסמאן האט אין זיין עפענונג–ווארט איבער–געגעבן וואס ווילנע האט באטייט פאר דעם יידישן לעבן אין גאר דער וועלט, וועגן דער ווירדיקער האלטונג פון די יידן אין געטא, ווי זיי האבן געפירט די הילפס–ארבעט און די קולטור–טעטיקייט אין די שרעקלעכע באדינגונגען פון געטא ביז דעם לעצטן טאג פון דער ליקווידאציע,ביז די לעצטע איבערגעבליבענע זיינען געפירט גע–ווארן צום טויט,און פארסיקט געווארן אין די לאגערן,וואו במעט אלע זיינען אומגעקומען.געבליבן זיינען בלויז בעציילטע,וועלכע זיי–נען איצט צעזייט און צעשפרייט איבער דער וועלט.

פריינדין סימא דאוואנג האט הארציק און רירנדיק אי–בערגעגעבן אייניקע מאמענטן פון ווילנער געטא,און זי האט ארויס–געזאגט דעם געדאנק ,אז די וואס האבן דורכגעמאכט דעם גאנצן פיינ–לעכן וועג פון געטא ווילנע ,לאגערן און פארטיזאנען–קאמף––וועלן זיך קיין מאל ניט באפרייען פון די שרעקלעכע דערינערונגען ,און וועלן קיין מאל ניט פארגעבן און ניט פארגעסן.

דער בארימטער דיכטער מלך ראוויטש האט געזאגט,אז אז די יידישע קולטור–שטאט האט געהערט צום גאנצן יידישן פאלק, דאס גאנצע פאלק האט זיך געגרויסט מיט די קולטור–ווערטן,געשאפן אין ווילנע.די ווילנער מעגן שטאלצירן מיט זייער יחוס.
ער לייענט פאר פראגמענטן פון פאעמעס פון די דיכטער קאצענעלסאן, פרץ מארקיש,און פון א.סוצקעווערס"געהיימשטאט".ער פארענדיקט מיט פארלייענען זיין אייגן ליד "וואו זייט איר מיינע טויטע ".
קינדער פון אונדזערע ווילנער –רבקה אוגענפעלד,אבר–הם איגעלפעלד און רייזל פישמאן – טרעטן אויף מיט רעציטאציע

און געזאנג, צוגעפאסטע צום אוונט.

פריינד טראפונסקי איז מזכיר די געשטארבענע טוער פון ווילנער פארבאנד אין מאנטרעאל, און זיי ווערן באערט מיט אויפשטיין.

ער דערמאנט די פארזאמלטע, אז דער תליון פון די יידן אין ווילנער געטא פראנץ מורער איז אין א עסטרייכישן געריכט באפרייט געווארן פון יעדער שטראף פאר זיינע גרויזאמע פארברעכנס.

די גאנצע יידישע וועלט האט שטארק פראטעסטירט און אויסגעדריקט איר צארן און עמפערונג אין בריוו צו די עסטרייכישע אויטאריטעטן. דער קאנאדער יידישער קאנגרעס האט אין נאמען פון דער יידישער באפעלקערונג אין קאנאדע עפנטלעך אויסגעדריקט דעם שטארקן פראטעסט צו דער באפרייאונג פון דעם נאציסן מערדער און געשיקט פראטעסט-טעלעגראמעס צו דער עסטרייכישער רעגירונג.

דער גאנצער עולם פארזאמלטע האט בציבור געזונגען דעם פארטיזאנען-הימן "זאג ניט קיין מאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג", און מיט דעם פארענדיקט די זייער איינדרוקספולע יזכור-פארזאמלונג צום 20 סטן יארצייט פון דער ליקווידאציע פון ווילנער געטא.

די רעדאקציע בעט אנטשולדיקונג ביי די מחברים און לייענערס פון דעם זשורנאל פאר די גרייזן וואס זיינען דא אין טעקסט. עס איז שוין געווען אוממעגלעך צו פארריכטן.

דער נאמען פון דער באשרייבונג פון אונדזער פריינד משה ראטשילד דארף זיין:

"טויזנטער יידן האבן זיי דערטרונקען אין באלטישן ים"

הירש גליק

זאג ניט קיינמאל

הימן פון די פארטיזאנען פון דער ווילנער געטא

זאג ניט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאך אונדזער אויסגעבענקטע שעה.
ס'וועט א פויק טאן אונדזער טראט—מיר זיינען דא!

פון גרינעם פאלמען-לאנד ביז לאנד פון ווייסן שניי
מיר קומען אן מיט אונדזער פיין, מיט אונדזער וויי,
און וואו געפאלן איז א שפריץ פון אונדזער בלוט,
שפראצן וועט דארט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס'וועט די מארגן-זון באגילדן אונדז דעם היינט
און דער נעכטן וועט פארשווינדן מיטן פיינט.
נאר אויב פארזאמען וועט די זון און דער קאיאר,
ווי א פאראל זאל גיין דאס ליד פון דור צו דור.

דאס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בליי,
ס'איז ניט קיין לידל פון א פויגל אויף דער פריי,
דאס האט א פאלק צווישן פאלנדיקע ווענט
דאס ליד געזונגען מיט נאגאנען אין די הענט.

טא זאג ניט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט דאך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט א פויק טאן אונדזער טראט: מיר זיינען דא!

הירש גליק, דער יונגער ווילנער דיכטער, וואס האט געשאפן דעם הימן פון דער פאראייניקטער פארטיזאנען-ארגאניזאציע (פ.פ.א.), איז ביים דורכרייסן זיך דורך דער ארומגערינגלטער געטא צו די פארטיזאנען אין וואלד, פארכאפט געווארן פון די דייטשן און איז פארשלעפט געווארן קיין עסטלאנד אין א קאנצענטראציע-לאגער.

...אין מאמענטן, ווען ס'האט זיך געדוכט, אז דער איינציקער אומפארמיידלעכער סוף איז דער טויט, האט אין דער נשמה א ציטער געטאן דער ניגון:
"זאג ניט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג..."
אט די ווערטער פון אונדזער יונגן דיכטער, פארטיזאן הירש גליק, האבן אונדז שטענדיק געקרעפטיקט.
מיר האבן געזונגען. דאס געזאנג האט אונדזערע נשמות פאראייניקט, געהויבן אונדזערע געפילן, און אונדזערע מוסקולן געשטאלט

(פאלקלאר פון ווילנער געטא פון
ס. קאטשערגינסקי)

WE WILL NOT FORGET THEM

(MIR VELN ZEI NIT FARGESN)

IN MEMORY OF THE JEWS OF VILNA

(1943 - 1963)

ISBN:0-657-14335-9
01-222

Published by the VILNER and VICINITY ASS'N. • Montreal, September 1963

Address: c/o A. Trapunsky, 6242 Mountain Sights, Montreal, Canada